פארגרעסערטע
שבועות אויסגאבע

קרית ברסלב בלאט

שנה ה' נומער 223 שבועות · תשפ"ד

די תורה מיין לעבן

וועלטליכע נייעס:
טראמפ געפונען געווארן שולדיג אויף איבער דרייסיג קלאגעס

א בריוו פון דער ראש ישיבה:
מעג מען גיין צום דאקטער און נעמען מעדעצינען?

מיט א טיפערן בליק:
א פינף יעריגע זיידע

חשקת התורה

באקענט אייך מיט **הגאון רבי משה גראס שליט"א** פון ירושלים, וואס איז **בקי בכל התורה כולה** דורכ'ן סדר הלימוד פון הייליגן רבי'ן

קרית ברסלב בלעטל וואונטשט אלע חשובע ליינער **א פרייליכן שבועות**

וועלטליכע נייעס

פארבאטן סמארטפאונס אין שולעס
5

היכל הקודש נייעס

נייעם בית המדרש היכל הקודש בית שמש
6

אלץ און אלעמען

דאס לעבן פון א באטערפליי
8

א סעודה מיט'ן ר"ר

אליהו הנביא האט געראטעוועט
13

שיעור אין גראמען

לא תונו איש את עמיתו
40

קינדער בלעטל

נייע קאמיקס ערציילונג
57

קרית ברסלב בלעטל

רעדאקציע:
אברהם משה שטראססער, משה ארי' שניטצלער, שמעון עוזר פערל, אברהם הערש וועבערמאן, ישראל דוד העסקעל, אברהם יצחק אייזנער, שמואל בער שניטצלער, נפתלי הירצקא וואללנער, מ. פאפנהיים, ר. ראטענבערג. ש. ל. פליישמאן

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אויף אימעיל שיקט א אימעיל צו
chizikyomi@rabbiroth.org

צו אדווערטייזן אדער ארייננצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

קול ברסלב: 212.444.9191
חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169

זמנים Liberty
שבועות כ"ד אייר תשפ"ד

הדלקת הנרות........ 08:13
מוצאי שבת............ 09:45
הדלקת נרות ערב י"ט. 08:16
מוצאי יו"ט............ 09:48

מנחה מעריב נשא.... 09:30

ברוכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אהערצגעוויגן

מו"ה שמואל אייכנשטיין הי"ו
וזוגתו מירל תחי'

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אין שטעטל און קענען אויפציען אין שטעטל די קינדער אויפן וועג פון הייליגן רבי'ן.

וועטער

Fri 07	68°/52°	Showers
Sat 08	65°/52°	Showers
Sun 09	69°/52°	Showers
Mon 10	70°/52°	Showers
Tue 11	74°/53°	Partly Cloudy
Wed 12	74°/53°	Showers
Thu 13	72°/54°	Partly Cloudy
Fri 14	73°/55°	Scattered Thunderstorms

געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
די וועטער מבינים ווייסן נישט אל"ץ ריכטיג די וועטער־ וואס גייט זיין

YOUR TRUSTED PARTNER FOR

Insurance Solutions

When you buy insurance through an independent broker, you get ease, choice, and advice. An independent broker that has allegiance to you as a customer and you can choose the carrier that best suits your needs.

Licensed Insurance and Real Estate Broker

THE HEILIGE REBBE SAYS

"Ein Shum Yiush B'olam Klal"

we don't give up on you so easily and neither should you!

Looking forward to helping you,

- Simcha Salz -

OUR SERVICES

HOMEOWNERS

RENTERS

TRAVEL

BUSINESS

EMPLOYEE HEALTH

AUTO INSURANCE

CONTACT US:

SALZ & ASSOCIATES LLC
212-725-9467
www.salzandassociates.com

SALZ REALTY GROUP LLC
212-725-9734
www.salzre.com

SALZ INSURANCE BROKERAGE LLC
212-725-9467
www.salzinsurance.com

גרשון קרעמער

טראמפ געפונען שולדיג אין געריכט אויף איבער דרייסיג קלאגעס

עם געוועזענעם און מעגליך קומענדיגן פרעזידענט פון אמעריקע שולדיג אין 34 קלאגעס אויף וואס דער מאנהעטן פראקואר האט אים אנגעקלאגט. דאס איז א פרעצעדענטלאזע געשיכטע אין אמעריקע אז אן אמעריקאנער פרעזידענט ווערט אנגעקלאגט און געפונען שולדיג אויף קלאגעס, וואס כאטש דאס מאכט אים נישט אומלעגאל צו קענען ווייטער לויפן פאר פרעזידענט, מאכט עס אים אבער יא אומקוואליפיצירט צו שטימען אין זיין וואוינארט פלארידא אלץ איינער וואס איז געפונען געווארן שולדיג אויף א פארברעכן.

ביידע זייטן פייערן דעם פסק, ווען די דעמאקראטן שרייען "קיינער איז נישט העכערן געזעץ", און "ענדליך האט מען געברענגט צו יוסטיץ דעם מערסט קארופטירטע פרעזידענט", און די רעפאבליקאנער ווייזן אן אויף די פילע פרעצעדענטן וואס מען האט געדארפט דורכשטיפן צו אנקומען דערצו, און צייגן ווי די גאנצע קלאגע האט נישט קיין הענט און קיין פיס, און קיינע פון די פילע דריידעלעך וואלטן קיינמאל נישט גענוצט געווארן אנצוקלאגן אפילו א געווענליכע בירגער, און כל שכן ווען מען רעדט פון די באשטעטיגטע קאנדיטאט פון די אפאזיציע פארטיי, א זאך וואס די טראמפ קאמפיין נוצט אויפצוהייטערן זייער באזע, און אויפצוטרייבן געלט שטיצע ביי זיי.

אן ארייננגיין אין די גויאישע פאליטיק ווער איז גערעכט, לאמיר אביסל באטראכטן דעם גוי טראמפ. קיינער וועט נישט לייקענען אז דער געוועזענער פרעזידענט לעבט פאר די איין זאך "כבוד", אבער כבוד איז אים נישט גענוג, ער דארף "אסאך כבוד, זייער אסאך כבוד".

ער איז שוין געווען א גרויסע מיליאנער, א ביליאנער, ער לויפט שוין פאר פרעזידענט (פאר ווער עס ווייסט נישט, טראמפ איז שוין געלאפן פאר פרעזידענט אין יאר 2000 למספרם), ער לויפט שוין אויף די רעפאבליקאנער פארטיי, ער ווערט שוין דער נאמינירטער קאנדידאט פון איינע פון די צוויי גרעסטע פארטייען אין די פאראייניגטע שטאטן, ער געווינט שוין דעם פרעזידענט בענקל, אבער דאס איז אים נישט גענוג. ער דארף איבערדרייען די שטאט, יעדער מוז רעדן פון אים "רעד פון מיר, שרייב פון מיר, נאר ספעל מיין נאמען גוט" איז געווען זיין שלאגווארט. און אפילו ער איז הונדערט פראצענט גערעכט, עס איז א "מכשפה פאנג" (וויטש האנט) וויינט ער ווי א קראקאדיל, "אמעריקע ווערט פארוואנדעלט אין א באנענע רעפאבליק" קלאגט ער. אבער אזוי זעט מען אויס ווען מען גארט פאר כבוד.

ביים שיעור פארגאנגענעם ליל ששי פרשת בחוקותי האט דער ראש ישיבה גערעדט איבער דעם און געזאגט: ווער איז דער גאנצער טראמפ, א בעל גאווה, הערט נישט אויף רעדן פון זיך "איך, איך און נאכאמאל איך", הער אויף צו קוקן אויף אים און הערן יעדן טאג וואס ער זאגט, דאס איז זייער נישט גוט פאר די מענטש".

וואס מען קען זיך ארויסלערנען א גוטע זאך פון דעם טראמפ איז אויסנוצן יעדע געלעגנהייט פארן ציל, ביי אים איז דער ציל כבוד, רעד פון מיר, שרייב פון מיר; ביי אונז איז דער ציל רעד פון אים - דעם אייבערשטן, שרייב איבער דעם אייבערשטן. מיר דארפן אויך כבוד, אונזער ארבעט איז צו ברענגען כבוד און אנערקענונג פארן אויבערשטן. מיר דארפן אין יעדע שמועס, און יעדע ארטיקל דערמאנען אז עס איז דא א באשעפער וואס איז איבעראל, און מיט זיין גרויסקייט, און מיט זיין מעכטיגקייט איז ער דא פאר אונז און פאר אונזערע נארישע דאגות, ער וויל מיר זאלן רעדן פון אים און טראכטן פון אים.

הבוטח בה' חסד יסובבנו

פארבאטן סמארטפאונס אין שולעס

אינדערצייט וואס די ניו יארק סטעיט רעגירונג וויל חלילה איינפירן טוישונגען אין די ריינע חינוך פון אונזערע קינדער היה לא תהיה, וויל זיי שפירן פאר וויכטיג מען זאל זאפארט טוישן, וויבאלד לויט זייער קאפ איז אונזער הייליגע חינוך נישט גוט אוועקגעשטעלט פאר די קינדער, און עס דארף זיין א בעסערע סיסטעם, הערט מען אז דער גאווערנאר פון ניו יארק פרוי האוקעל האט אדרעסירט פאר איינע פון די צייטונגען אין די טעג, און געזאגט אז זי באטראכט א פארשלאג צו פארבאטן סמארטפאונס אין די שולעס פאר קינדער וואס לערנען אין די יונגערע קלאסן, צוליב דעם וואס עס נעמט אוועק זייער קאנצעטראציע וויבאלד זיי ווערן שטארק צוגעבינדן צו סאציאלע מידיע.

לויט איר פלאן וועט זי ארויפברענגען דעם געזעץ פארשלאג ערגעץ וואו אין די קומענדיגע פאר מאנאטן און די געזעצגעבער וועלן שטימען דערויף ביים קומענדיגע לעגיסלאטיווער סעסיע. ביי אונז אידן איז שוין לאנג קלאר די קאסעקווענצן פון די באנוץ פון סאציאלע מידיע, און סמארטפאונס זענען ברוך השם שטרענג פארבאטן אין אידישע שולעס אין ניו יארק

דאס טוט ארויסברענגען ווי פארדארבן זייערע שולעס זענען, און ווי זיי מוטשען זיך מיט די אלע סאציאלע מידיע פראבלעמען און דאס גלייכן, אין די צייט וואס ביי אונז אידישע קינדער איז אוועקגעשטעלט א ערליכע אויסגעטרעטענע וועג פון זיין אפגעזונדערט פון די אלע שמוץ וואס די סאציאלע מידיע ברענגט מיט זיך, און מיט די פראבלעמען וואס דאס טוט ברענגן פארן מענטש, ובפרט פאר קינדער. אז מען ווערט צו דעם צוגעבינדן ווערט מען ממש א צורודערטער מענטש.

אויך האט זי צוגעלייגט אז אויב איינער וויל קענען אהיימרופן די עלטערן אינמיטן טאג זאל ער האבן ביי זיך א פשוטע פליפ פאון, וואס דאס איז פונקט גענוג צו קענען רופן און רעדן צו וועם מען דארף, אבער גארנישט מער פון דעם.

ביים שיעור פארגאנגענעם ליל ששי פרשת בחוקותי האט דער ראש ישיבה גערעדט איבער דעם און געזאגט: "זעט נישט צו זען און הערן נייעס, גיי אראפ פון סאציאלע מידיע. א אינגערמאן זאגט מיר אז ער האט זיך געמוזט אריבערציען צו אן אנדערן דירה ווייל זיין ווייב שלאפט נישט רואיג צוליב דעם וואס ביי דעם דירה איז נישט דא קיין צוים אויף די פענסטערס, און אפשר קען א גנב איינברעכן ביינאכט. ענדליך האט ער געטראפן אזא סארט דירה וואס זיין ווייב האט געגליכן, און מען האט זיך ברוך השם אריבערגעצויגן אהין, האט זי דאן געהערט אנדערע נייעס אז ס'איז געווען ערגעץ א פייער און מ'האט נישט געקענט אנטלויפן צוליב די צוים אויפן פענסטער..."

איז וואס טוט מען יעצט? פון אלע זייטן איז דא פראבלעמען, אבער דאס איז נאר ווילאנג מען הערט יעדע נייעס, וואס דאס שרעקט אן דעם מענטש און לאזט נישט זיין רואיג.

די עצה פאר דעם איז "מאכט צו דעם טעלעפאון און קוק נישט / הער נישט די אלע נייעס".

ס'איז דא געוויסע מענטשן וואס זאגן "נע, פאר מיר שאדט דאס נישט, איך קען מיטהאלטן נייעס און נישט ווערן דערשראקן". אבער דאס איז נישט אמת, דו מיינסט ס'שאדט דיר נישט, ס'שאדט דיר יא, ס'לייגט דיר אריין אין איבעריגע פחדים וואס פעלט נישט אויס.

ברוך השם אז מיר האבן צדיקים וואס טרעטן אונז אויס דעם וועג וויאזוי זיך צו פירן, די איינציגסטע זאך וואס בלייבט איבער פאר אונז איז זיי צו אויסהערן און פאלגן, און נישט טראכטן אז ביים גוי איז דא גליקן, דער גוי ווערט אויך צו סוף געוואר אז די גאנצע סיסטעם זייערע איז פארפוילט פון קאפ ביז פיס, און יעצט ברעכן זיי זיך קאפ צו זען א וועג ארויס פון די אלע פראבלעמען וואס די טעלעפאון ברענגט מיט זיך.

בני, אל תלך בדרך אתם

היכל הקודש
נייעס

אמעריקע

אינטערוויוס אויף קול ברסלב גרייכט ציפער פון פינף הונדערט

מען דארף נישט פארציילן פאר די ליינער איבער דעם בארימטן טעלעפאן ליין "קול ברסלב" וואס גייט אן געלויבט דעם אייבערשטן אן קיין רעש און פראפאגאנדע שוין אסאך יארן צום גוטן. עס איז נישט קיין נייעס ווי שטארק דער עולם איז זיך מחי' און מען באלעקט זיך די פינגערס מיט יעדע נייע הערליכע אינטערוויו.

די הערליכע אינטערוויוס דעקן גאר א ברייטע ספעקטרום פון נושאים, אבער הצד השוה שבהן אז אלעס איז שמועסן פון אנשי שלומינו - ווי מען רופט עס אין ברסלב "שיחת חברים", אויף וואס דער רבי האט געזאגט "וואו ס'קומען זיך צוזאם צוויי פון מיינע לייט, לוינט זיך ס'זאל קומען א דריטער און שרייבן".

אויב איינער דארף זיך אמאל אויסלופטערן, אנשטאט צו הערן וואס די מידיע האט צו פארציילן, און הערן איבער געלט און השתדלות, איז כדאי צו הערן ווי ערליכע אידן רעדן און שמועסן פונעם אויבערשטן און פון אמונה, אויב איינער דארף חיזוק, איז אנשטאט צו הערן וואס דער טעראפיסט זאגט, וויאזוי ער איז מסביר וויאזוי מ'דארף ארייננאטעמען און ארויסאטעמען, און געבן אנקאנדישאנעל לאוו, איז ענדערש צו הערן וואס צדיקים זאגן, ווי שטארק דער אויבערשטער האט דיר ליב, וויאזוי מען קען ארייננאטעמען די ווערטער פון צדיקים, און ארויסאטעמען נאך א פסוק חומש, און נאך א קאפיטל תהלים, נאך א פרק משניות און נאך א בלאט גמרא.

דער אינטערוויוס אפטיילונג ווערט אנגעפירט דורך הר"ר יואל טייטלבוים שליט"א וואס ידיו רב לו איבעראל וואו מען קען מפיץ זיין, ווי מען קען ברענגען נאך איד זאל וויסן פון אויבערשטן, זאל עס זיין דורך הפצה מיד ליד, זאל עס זיין דורכן זיין דער גבאי אין בית המדרש, צי איז עס דורך לערנען מיט די קינדער אין חדר און ארייןפרעגלען אין זיי די ריינע אמונה, טרעפט ער אויך צייט צו אפהאלטן די אינהאלטספולע אינטערוויוס מיט וואס טויזנטער צוהערער זענען זיך מחי' יעדן טאג.

יעצט ווען מען איז אנגעקומען צום סימבאלישן ציפער פון פינף הונדערט, זענען אנשי שלומינו מכיר טובה פאר די געוואלדיגע ארבעט וואס ער לייגט אריין, צוזמען מיט די אנדערע וואס געבן זיך אוועק אנצופירן די פילע אנדערע קנעפלער פון די פאפולערע קול ברסלב טעלעפאן ליין.

שמעון ותחי נפשכם

בית שמש

היכל הקודש אין שטאט בית שמש זיך אריבערצוגין צו א נייעם לאקאל

מיט פיל התרגשות דקדושה הערט מען די פריידיגע נייעס, אז די חבורה פון היכל הקודש אין שטאט בית שמש האט ברוך השם אין די טעג זיך אריבערצויגן צו א נייעם לאקאל, נאכדעם וואס עס איז געווען א לאנגע צייט ביי איינעם אין שטוב.

די שיינע ווינקל היכל הקודש בית שמש גייט שוין אן פאר אפאר יאר אין שטוב פון מו"ה יצחק ראטה הי"ו, וואס האט אוועקגעגעבן זיין דירה אלס א מקום מקדש פאר אנשי שלומינו, מען זאל קענען דארט דאווענען יעדן איינציגן שבת. ברוך השם אז די חבורה ווערט גרעסער מיט פרישע מקורבים וואס ווילן אויך קומען שעפן פון רבינ'ס לויטערע קוואל, וואס איז אנגעפולט מיט אמונה און בטחון.

ווי אויך האט זיך געמאכט אז געוויסע מקורבים זענען נישט געווען באקוועם צו קומען דאווענען ביי איינעם אין שטוב, צוליב דעם האט מען געזוכט א פלאץ וואס וועט זיין געאייגענט דייקא פאר א בית המדרש, אהערגעשטעלט ספעציעל צו קענען דארט זיך צאמקומען יעדן שבת, ווי אויך פאר אינמיטן די וואך כדי צו קענען זיך צאמקומען און לערנען דעם דף גמרא וואס ווערט פארגעלערנט דורך מו"ה שלמה טעסלער הי"ו תלמיד הישיבה, און זיך מחזק זיין צוזאמען מיטן רבינ'ס עצות.

אלע מתפללים האבן געבעטן דעם אייבערשטן מען זאל טרעפן א שיינעם געשמאקן פאסיגן פלאץ וואס איז געאייגענט פאר א בית המדרש און אזוי ווייטער. מען האט שטענדיג געזוכט א פאסיגן ווינקל, אבער יעדע פלאץ האט געהאט אנדערע פראבלעמען, ביז ברוך השם נאך אסאך תפילות האט מען געטראפן גאר א פאסיגע פלאץ וואס איז נישט ווייט פון דעם שטוב ווי מען איז געווען ביז יעצט. די אדרעסס פונעם נייעם בית מדרש איז אויף רחוב נהר הירדן 27 (רמת בית שמש ב') און ווי מען הערט איז דאס זייער א געשמאקע פלאץ.

דאנערשטאג פאר ל"ג בעומר איז פארגעקומען א שיינע אסיפה אינעם נייעם בית מדרש ווי אנשי שלומינו האבן זיך דארט אנגערופן זייער ווארעם צו שטיצן דעם שול, כדי צו קענען צאלן די רענט פונעם נייעם שטיבל

אזוי אויך האט מען ארום גערעדט אויף די פלענער וואס מען גייען טון ווייטער בעזרת השם, אויף צו קענען מער און מער צושפרייטן דעם רבינ'ס עצות אינעם גאנצן שטאט.

דא איז די פלאץ זיך צו באדאנקען פאר מו"ה יצחק ראטה הי"ו וואס האט אוועקגעגעבן זיין דירה יעדן איינציגן וואך מיטן גאנצן הארץ, וואס דאס איז ממש א זעלטענהייט צו זען, ווי אויך איז ביי אים אין שטוב פאראהן די פרינטער מיט וואס מען דרוקט די וועכנטליכע גליונות פון היכל הקודש, און דאס ווערט צושפרייט דורך אנשי שלומינו אינעם גאנצן שטאט והגלילות יעדן ערב שבת.

יעצט ווען דער ראש ישיבה איז געווען באזוכן אין ארץ ישראל האבן די גבאים געבעטן דעם ראש ישיבה זאל קומען באזוכן אינעם נייעם שטיבל, אבער אזוי ווי די שטיבל איז צושטאנד געקומען ממש האַרט פאר ל"ג בעומר, איז שוין נישט געווען קיין געלעגענהייט פארן ראש ישיבה צו קענען קומען באזוכן, אבער ער האט געזאגט אז ער וועט מיטן אייבערשטנ'ס הילף קומען באזוכן ביים קומענדיגן באזוך.

אויב איינער וויל א טייל נעמען אין החזקת בית המדרש קען מען אריין גיין אין נדרים פלוס פון היכל הקודש בית שמש און דארט מנדב מה שלבו חפץ. אזוי אויך קען מען זיך שטענדיג פארבינדן מיט די גבאים פון בית המדרש צו געבן א נדבה.

און בחביבותא תליא מילתא

איבער
אלץ און אלעמען

גרשון קרעמער

האסט א שאלה? שיק צו askgershon@gmail.com

דאס לעבן פון א באטערפליי

שאלה: יעצט אום זומער זע איך די קערטעפילער ווערים ארום קריכן, איינער האט מיר געזאגט אז דאס ווערט שפעטער א באָטערפליי (פלאַטערל), איז עס אמת? אויב יא וויאזוי ארבעט עס?

ענטפער: עס איז א געוואלדיגע נפלאות הבורא צו צו באטראכטן ווי דער זעלבער מיאוסער קערטעפילער, וואס מאנכע אויב מען טרעפט עס אויף זיך וועלן זיי אויפשפרינגען מיט אפשיי; וועט שפעטער פארוואנדעלט ווערן אין א הערליכער באטערפליי, וואס איז א פאפולערע איסוואל צו באצירן, און איז ווי א סימבאל פון נאטור, רואיגקייט, און צופרידנהייט.

דער באטערפליי הייבט אן זיין לעבן אין אַן איי. נאך בערך צען טעג קריכט ארויס דערפון א פיצעלע קערטיפילער ווארעם, וואס לעבט אויף בלעטער. עס פארמאגט א מויל מיט ציינער. און עסן אסאך בלעטער און גראז מכל הבא ליד. ווייל אין דעם קומענדיגן חודש אדער צוויי, וואקסן זיי זייער שנעל, זיי ווערן בערך צוויי דריי מאל אזוי גרויס ווי ווען זיי זענען געבוירן.

ווען זיי זענען שוין גענוג ערוואקסן, איז צייט ארויפצוגיין א כתה, מען גרייט זיך צו ווערן א "פופע" (אדער "גולם"), ער זוכט זיך אויף א גוטע פלאץ אויף א בוים ווי ער דורכגיין דעם פראצעס צו פארוואנדעלט ווערן אין א באטערפליי, ער בינדט זיך צו צום בוים דורך א פאדעם וואס ער פאבריצירט, און נעמט זיך ארום מיט א "שטיבעלע" וואס ער הענגט אראפ פונעם בוים, און אינעווייניג דארט וועט ער דורכגיין א טויש מקצה אל הקצה, ער גייט אריין אלץ א מיאוסער ווארעם, און אינעווייניג ווערט ער ממש צולאזט ווי א רינעדיגע זופ, און דער אויבערשטער מאכט אז נאך עטליכע טעג הייבט ער זיך אן צוריק אויסצופארמען, אבער אלץ א נייע בריאה, עס וואקסן ארויס פון אים הערליכע שיינע פליגלען, און ווען עס קומט די צייט, שפאלט ער אויף שטייטעלער זיין שטיבלע און רייסט זיך ארויס דערפון.

ווען איינער זעט א רייפע פופע און זעט ווי דער פרישער געווארענער באטערפליי פלאגט זיך ארויס צו קומען, זאל ער נישט רחמנות האבן און אים צוהעלפן, אויב וויל ער אים נישט הרג'ענען, דער שטאפל פון ארויסקריכן שטארקט זיינע מוסקלען, און העלפט אים וואקסן ער זאל קענען לעבן און ווערן אליינס א טאטע אדער מאמע צו קינדער.

ווען אונזערע קינדער מוטשען אונז "טאטי יעדער פון מיין קלאס האט אזא און אזא כלי, אלע טאטעס לאזן קוקן ווידיאס און פלעיס, פארוואס נאר איך נישט", זענען דא מענטשן וואס האבן רחמנות אויף זיי. עס זעט אויס ווי נאכגעבן איז רחמנות, און זאגן פאר זיי "עס איז נישט אונזערע געשעפטן וואס אנדערע טוען" זעט אויס ווי אכזריות. אבער מיר ווילן אז די קינדער זאלן אויסוואקסן געזונט ברוחניות ובגשמיות. די מחנכים זאגן אז קינדער וואס וואקסן אויף מיט ווידיאס און ווידיא געימס זענען גדעמעדזשט. עס שאדט פאר זייערע מוחות, מען זעט ווי זיי גייען ארום ווי אין א שאטן.

ווען דער באטערפליי איז שוין אינדרויסן וועט ער בלייבן אויפן בוים מיטן קאפ אראפ ווען אויסצוטרוקענען זיינע פרישע נאסע פליגלען כדי צו קענען פליען דערמיט. און נאך עטליכע שעה פליעט אוועק צו זיין נייע לעבן אלץ ערוואקסענע פלאטערל. יעצט פארמאגן זיי נישט קיין מויל מיט ציינער, זיי פארמאגן נאר א זויגעדיגע שטרוי מויל. און ער לעבט יעצט אויף בלומען נעקטאר, זאפט פוןביימער און פרוכט. ביי דעם שטאפל ווערן זיי עלטערן צו קינדער, זיי לייגן אייער, וואס פון דעם וועט ווייטער ארויסקומען די קומענדיגע דור פון שיינע באטערפלייס.

מיר וועלן אויך רחמנות האבן אויף אונז און אויף אונזערע קינדער און פאלגן וואס די צדיקים זאגן, און ארויסווארפן אלע טעכנאלאגישע כלים וואס מען קען טון דערוף און זען דערויף זאכן וואס אפילו אויב זיי זענען אזוי גערופן כשר, זענען זיי אבער נישט גוט פאר זיי. און מיט'ן אויבערשטענ'ס הילף וועלן זיי אויפוואקסן געזונטע טאטע מאמע פאר זייערע קינדער.

מה רבו מעשך ה'

מֶעג מֶען גֵיין צוּם דָאקְטֶער אוּן נֶעמֶען מֶעדֶעצִינֶען?



שאלה

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

בַּיי אוּנְז פְלֶעגְט מֶען זִיךְ פִירְן אַז עֶמִיצֶער הָאט נִישְׁט גוּט גֶעפִילְט, הָאט מֶען גֶענוּמֶען אַבִּיסֶעלֶע מָאטְרִין אָדֶער טֵיילֶענָאל קוֹדֶם אַוֶועקְצוּנֶעמֶען דִי שְׁמֶערְצְן, אוּן דֶערְנָאךְ הָאט מֶען גֶענוּמֶען אַבִּיסְל וִויטַאמִינֶען, צוּם בַּיישְׁפִּיל וויטַאמִין סִי אָדֶער דִי, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ גֶעבֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז ס'זָאל אַוֶועקְגֵיין דִי גַאנְצֶע פַארְקִילֶעכְץ וְכַדּוֹמֶה.

לֶעצְטְנְס הָאב אִיךְ אָבֶּער גֶעזֶען אַ שִׂיחָה אִין סֵפֶר אֲבָנֶיהָ בַּרְזֶל אַז מ'זָאל נִישְׁט גֵיין צוּ דָאקְטוֹרִים, אַז דִי דָאקְטוֹרִים דִי שְׁלוּחִים פוּנ'ם מַלְאַךְ הַמָּוֶת, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אַז דִי דָאקְטוֹרִים זֶענֶען זֵייעֶר שֶׁעדְלִיךְ. אוֹיךְ שְׁטֵייט דָארְט אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם, "וֶוען מ'אִיז גֶעזוּנְט דַארְף מֶען טוּן אוּן טוּן אִין עֲבוֹדַת ה', אוּן וֶוען מ'אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט לֵייגְט מֶען אַוֶועק דֶעם שֶׁער אוּן אַיינְזְן", וָואס פוּן דֶעם זֶעט אוֹיס אַז אֲפִילוּ וֶוען דִי קְרֶענְק שְׁטֶערְט צוּ עֲבוֹדַת ה', זָאל מֶען אוֹיךְ נִישְׁט גֵיין צוּ דָאקְטוֹרִים, אוּן אוֹיךְ נִישְׁט נֶעמֶען קֵיין רְפוּאוֹת. פוּן דֶעם זֶע אִיךְ אַז מ'טָאר נִישְׁט נֶעמֶען קֵיין וִויטַאמִינֶען, אוּן זִיכֶער נִישְׁט קֵיין טֵיילֶענָאל אוּן מָאטְרִין.

אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר קְלָאר שְׁטֶעלְן וָואס אוּן וִויאַזוֹי מֶען מֶעג יָא נֶעמֶען רְפוּאוֹת, אוּן וֶוען מ'טָאר נִישְׁט. יִישַׁר כֹּחַ

א בריוו פון דער ראש ישיבה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אֶמֶת טַאקֶע אַז דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז זֵייעֶר אָנְגֶעוָוארְנְט מִיר זָאלְן זִיךְ הִיטְן פוּן דָאקְטוֹרִים וְכוּ'; אָבֶּער פוּן רֶבִּינְ'ס צֵייטְן בִּיז הַיינְט הָאט זִיךְ גֶעטוֹישְׁט דִי וֶועג אוּן מִיטְלֶען פוּן רְפוּאוֹת וִוי פוּן הִימְל בִּיזְ'ן עֶרְד, **דִי רְפוּאוֹת הַיינְט זֶענֶען זֵייעֶר פָארְגֶעשְׁרִיטְן אוּן הַיינְטִיגֶע דָאקְטוֹרִים זֶענֶען נִישְׁט דִי דָאקְטוֹרִים פוּן אַמָאל**. דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט אַז וֶוען מֶען גֵייט שׁוֹין יָא צוּם דָאקְטֶער זָאל מֶען גֵיין צוּם גְרֶעסְטֶען דָאקְטֶער, דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן פוּן גֵיין צוּם דָאקְטֶער אוּן פוּן נֶעמֶען רְפוּאוֹת.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר מֶען גֵייט צוּם דָאקְטֶער, אוּן גֶעבְּן צְדָקָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ג) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט צוּם דָאקְטֶער זִיךְ הֵיילְן וְכוּ' זָאל עֶר גֶעבְּן צְדָקָה, אוּן מֶען זָאל מַאכְן אַ פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ פַאר מֶען גֵייט צוּם דָאקְטֶער זִיךְ הֵיילְן. וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֲבוֹדָה זָרָה נה.): "בְּשָׁעָה שֶׁמְּשַׁגְּרִין יִסּוּרִין עַל הָאָדָם, מַשְׁבִּיעִין אוֹתָן שֶׁלֹּא תֵּלְכוּ אֶלָּא בְּיוֹם פְּלוֹנִי, וְלֹא תֵּצְאוּ אֶלָּא בְּיוֹם פְּלוֹנִי, וּבְשָׁעָה פְּלוֹנִית, וְעַל יְדֵי פְּלוֹנִי, וְעַל יְדֵי סַם פְּלוֹנִי", וֶוען מֶען שִׁיקְט יִסּוּרִים אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ בַּאשְׁוֶוערְט מֶען דִי יִסּוּרִים וֶוען זֵיי זָאלְן קוּמֶען אוֹיפְן מֶענְטְשׁ אוּן וֶוען זֵיי זָאלְן אַוֶועק גֵיין פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, דוּרְךְ וֶועלְכֶע דָאקְטֶער אוּן דוּרְךְ וֶועלְכֶע מֶעדֶעצִין עֶס זָאל אוֹיסְגֶעהֵיילְט וֶוערְן, נוּ אוֹיבּ אַזוֹי פְּרֶעגְט דֶער רֶבִּי - וִוי אַזוֹי קֶען מֶען גֵיין צוּם דָאקְטֶער וֶוען מֶען וֵוייסְט נִישְׁט צִי עֶר אִיז בִּכְלַל דֶער דָאקְטֶער וָואס מֶען הָאט בַּאשְׁווּאוֹירְן אִים אוֹיס צוּ הֵיילְן, אוּן וִוי אַזוֹי קֶען דֶער דָאקְטֶער פַארְשְׁרַייבְּן אַ מֶעדֶעצִין וֶוען עֶר וֵוייסְט נִישְׁט צִי דָאס אִיז דֶער רִיכְטִיגֶער סַם וָואס מֶען דַארְף גֶעבְּן פַארְ'ן חוֹלֶה? זָאגְט דֶער רֶבִּי, אַז **אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט אַ פִּדְיוֹן אוּן עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן** אַז דֶער מַלְאַךְ רְפָאֵל זָאל שְׁטֵיין נֶעבְּן דֶעם דָאקְטֶער, דֶעמָאלְט וֶועט דֶער דָאקְטֶער אִים קֶענֶען אוֹיסְהֵיילְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט נִישְׁט דַארְפְן צוּקוּמֶען צוּ קֵיין דָאקְטוֹרִים אוּן צוּ קֵיין רְפוּאוֹת, אָבֶּער אַז דוּ הָאסְט קָאפּ וֵוייטָאג זָאלְסְטוּ אַוַדַאי נֶעמֶען טֵיילֶענָאל וְכַדּוֹמֶה.

משה ארי' שניצלער

איך בין קלוג (לאמיר זאגן...)



ווען ס'קומט די יום טוב פון קבלת התורה מוז מען איבער'חזר'ן איינס פון די וויכטיגע יסודות, וואס אן דעם קען מען אריינפאלן אין ערנסטע שטרויכלונגען אויף א טאג טעגליכן פארנעם.

אכט ביליאן מענטשן פון די וועלט פירן זיך אויף איין וועג, אין די קליין הייפעלע אידן פירן זיך אויף אויף א אנדערע וועג, נישט נאר א אנדערע וועג, נאר פונקט פארקערט, אקוראט קאפויער.

אכט ביליאן מענטשן זאגן "איך" גיי זיין די קלוגסטער און דער געלונגענסטער, "איך" גיי זיין דער נעקסטער איינשטיין, אויסטערעפן דעם נעקסטן אטאם, "איך" גיי זיין דער נעקסטער אילאן מאסק, ביל געיטס, אייזיק ניוטאן, בעטהאווען, וואן גאו, רעמברענט, גאטפריד לייבניץ, איך איך איך און נאכאמאל איך און צום דריטן מאל איך.

אז מ'רעכנט "איין" פערצענט פון אכט ביליאן קומט עס אויס אכציג מיליאן, אז מ'רעכנט די אידישע פאלק ביי 16 ביליאן, איז עס ווייניגער ווי א פערטל פון איין פערצענט!

אז מ'זאל רעכענען פיר מיליאן שומרי שבת, (א טייל אלצווייסער'ס געבן אן אזא צאל בערך, מסתמא האבן זיי דאס געהערט מקור ראשון פון אנדערע אלצווייסער'ס וואס זיי זענען גגעשטאנען דערביי מיט אנגעשפיצטע אויערן ווען די ערשטע דור פון אלצווייסער'ס האבן אויסגעלייגט זייערע אלצווייסעריי אויף די פאליצעס פון קול ה'אלצווייסער'ס) קומט עס אויס פיר הונדערטסטלעך פון איין פערצענט פון די וועלט!

אט די קליין פיצקעלע ברעקעלע פון די וועלט זאגט אנדערש ווי די גאנצע וועלט! די ערליכע אידן זאגן אזוי, איך בין טאקע קלוג, אבער איינער איז קלוגער פון מיר!

ווי קלוג איך זאל נישט זיין, מוז זיין אז כאטש איינער אין די בריאה איז קלוגער פון מיר.

מאנטאג צופרי, איך באקום אן עלי', איך קוק אריין יעדעס ווארט, איך קוק אויף די הייליגע ווערטער פון תורה שבכתב, דארט שטייט אז ראש השנה בלאזט מען שופר. איך קוק אין די משנה, דארט שטייט אז אויב ס'איז שבת בלאזט מען נישט שופר!

אויב איך וועל יעצט קוקן אין די משניות וויאזוי זיך צו פירן וועל איך פלוצלונג זען אין די גמרא "איפוך" דריי איבער די משנה פונקט פארקערט! אדער "חסורי מיחסרי והכי קתני" די משנה האט פארפעלט אפאר ווערטער!

אויב איך וועל יעצט קוקן אין די גמרא וויאזוי זיך צו פירן וועל איך פלוצלונג זען אז דער רי"ף און רא"ש און רמב"ם האבן דריי פארקערטע וועגן ווי אזוי די גמרא זאל שטימען, דריי פארקערטע הלכות! מוז איך קוקן אין שולחן ערוך! איך קוק שוין אין שולחן ערוך, זע איך אז דער רמ"א זאגט פארקערט ווי דער מחבר! האבן אונזערע רבי'ס אונז געלערנט אז מיר פירן זיך ווי דער רמ"א.

קומט צו זאגן הלל בציבור נאך מעריב די ערשטע און צווייטע נאכט פסח, וואס ס'זעט אויס פון רמ"א אז נישט, פירן מיר זיך אזוי ווי עס האט געהייסן דער הייליגער צאנזער רב זכותו יגן עלינו, אז מ'זאל יא זאגן הלל בציבור נאך מעריב.

אין זוהר הקדוש שטייט אז ס'איז דא עבירות וואס העלפט נישט קיין תשובה, זאגט דער הייליגער רבי, מ'קען יא תשובה טון! אויף יעדע זאך קען מען תשובה טון! און רבי נתן איז עס מסביר אז דאס איז זיין עונש פאר טון עבירות, אז ער מוז הערן פון הייליגן זוהר אז ס'העלפט נישט קיין תשובה, און נאך אלץ זאגן, הייליגער באשעפער איך קום צוריק צו דיר, אפילו מ'לאזט מיך נישט אריין, איך שטיי דא ביי דיין טיר! אפילו אויב דו וועסט מיך קיינמאל נישט ארייינלאזן! איך גיי נישט אוועק!

נאך די צווייטע וועלט מלחמה ווען מענטשן זענען געווען צובראכן און צוריסן האבן מאנכע געהאלפן אויפשטעלן א מדינה וואס וועט אונז, אנגעבליך, געבן שיצונג, אז עס זאל נישט קומען נאכאמאל א צורר היהודים און הרג'ענען אידן וויפל עס גלוסט זיך אים, השם ישמרינו, זענען געווען אזעלכע וואס האבן זיך גערופן חסידישע אידן ההולכים בדרך הבעל שם טוב זכותו יגן עלינו און

נאך די צווייטע וועלט מלחמה ווען מענטשן זענען געווען צובראכן און צוריסן האבן מאנכע געהאלפן אויפשטעלן א מדינה וואס וועט אונז, אנגעבליך, געבן שיצונג, אז עס זאל נישט קומען נאכאמאל א צורר היהודים און הרג'ענען אידן וויפל עס גלוסט זיך אים, השם ישמרינו.

ארויסגעהאלפן די פרייע שונאי הדת, האט רבינו הקדוש מ'סאטמאר אויסגערופן קעגן די גאנצע וועלט אז מ'פארשטייט נישט דעם דרך הבעל שם טוב.

עס זענען געווען אזעלכע וואס פלעגן נוצן דעם הייליגן קדושת לוי זכותו יגן עלינו אויף צו מלמד זכות זיין אויף די שונאי הדת, האט מוהרא"ש זכותו יגן עלינו דערמאנט דעם רמז אז ס'איז פארהאנען צוויי צדיקים וואס זענען ביידע נסתלק געווארן כ"ה תשרי, דער הייליגער קדושת לוי, און דער הייליגער חתם סופר זכותם יגן עלינו. דער קדושת לוי ווערט אנגערופן דער סניגורן של ישראל וואס האט מלמד זכות געווען אויף אידן.

דער חתם סופר ווערט אנגערופן על שם די ווערטער פון "הבדלו", ווען עס האנדלט זיך פון שונאי הדת און עוקרי תורה, מאכט מען א גאנצע טיילונג! און די וואס שטעלן זיך נישט אויף די זייט פון די צדיקים ווערן פארפאלן עד חרמה, קיינער וועט נישט וויסן פון זיי, אזוי ווי קיינער ווייסט נישט היינט פון די וואס זענען געשטארבן ביי מכת חושך אין מצרים, ווייל זיי זענען נישט געגאנגען מיט משה רבינו דער צדיק הדור וואס האט אונז אלע אויסגעלייזט פון זיין פארפליכטעט צו פרעה אויף אייביג.

זיי האבן געהאלטן אז זיי פארשטייען בעסער, אנשטאט נאכגיין דעם צדיק, זענען זיי געגאנגען נאכ'ן "איך", ר' איך זאגט אזוי און ר' איך זאגט אזי.

זיי האבן געהאלטן אז זיי פארשטייען בעסער, אנשטאט נאכגיין דעם צדיק, זענען זיי געגאנגען נאכ'ן "איך", ר' איך זאגט אזוי און ר' איך זאגט אזי.

לעצטנס האב איך געהערט פון א איד וואס איז אויפגעוואקסן נאכ'ן קריג ביי א גרויסן צדיק וואס האט אפגעראטעוועט אידישקייט נאכ'ן חורבן, זאגט מיר דער איד, אז זייט דער צדיק איז נסתלק געווארן "איז שוין גארנישט דא" "אמאל איז געווען א וועלט, היינט איז גארנישט דא". איך טראכט צו מיר, שכח אייבערשטער אז דו געבסט מיר א ברעקעלע שכל צו גיין הערן א ערליכער איד וואס דערמאנט מיר יעדן טאג אז איך זאל נישט גלייבן אין טאנקען און עראפלאנען, נישט גלייבן אין כוחי ועוצם ידי, נישט גלייבן אין מיינע גשמיות'דיגע שטארקקייטן, נאר גלייבן אין איינציגן לעבעדיגן באשעפער, וואס אלעס איז פון אים, און וואס איך דארף בעט איך פון אים, ער הערט מיך אויס יעדע איינציגע ווארט וואס איך רעד צו אים.

ווען איך גרייט מיך צום יום טוב פון קבלת התורה דאנק איך דעם אייבערשטן אז ער האט מיר געמאכט א גרויסע נס אז איך זאל לעבן מיט אמונת חכמים, הערן וואס א ערליכער איד האט צו זאגן, איך בין טאקע קלוג (לאמיר זאגן...) אבער איינער איז קלוגער פון מיר!

שכח אייבערשטער אז איך בין נישט פון די מכת חושך אידן. שכח אייבערשטער אז איך לאך נישט פון ערליכע אידן וואס דערמאנען מענטשן טאג טעגליך אז ס'איז דא א באשעפער און ער גלוסט צו הערן ווען איך רעד צו אים. שכח אייבערשטער אז איך לערן יעדן טאג אשר בנחל און עצתו אמונה.

ביים לערנען מיט די בחורים אין מירון פאר ל"ג בעומר

סעודה מיטן ראש ישיבה

סעודת שבת קודש אינדערפרי

~

פרשת ויגש תשפ"ד

שכח אייבערשטער איך האב געהאט די זכי' צו עסן א סעודה ביים ראש ישיבה שליט"א פרייטאג צונאכטס פרשת קדושים, איך וועל מיטטיילן מיט די קרית ברסלב בלעטל ליינער געציילטע פונקטן וואס איך האב ארויסגענומען פונעם אינהאלטסרייכן שבת סעודה.

צאמנעמען די טויס

גוט שבת! גוט שבת! האט דער ראש ישיבה אויסגערופן אהיימקומענדיג פון שול. ווען דער ראש ישיבה איז אריינגעקומען איז געווען אויסגעגאסן אין דיינונג רום אסאך טויס אויפן פלאר, האט דער ראש ישיבה אויסגעטון די סטראקעס, גענומען א בעזעם און אנגעפאנגען אויפקערן אלע קליקס, לעגאס און טויס וואס זענען געווען צושפרייט אויפן פלאר. דערנאך האט דער ראש ישיבה גערופן די קינדער און זיי געהייסן עס צאמפאקן אריין אין די באקס.

אזוי האט מען צאמגענומען ביז ס'האט שוין אויסגעזען שיין שבת'דיג, דערנאך האט דער ראש ישיבה אנגעטון די טיש בעקיטשע, זיך אראפגעזעצט ביים טיש און גערופן די קינדער זאלן זיך אויך אראפזעצן.

דערנאך האט מען אנגעפאנגען זינגען זמירות, שבת שלום ומבורך, הייליגער שבת, לעכטיגער שבת, זיסער שבת, שבת שלום ומבורך. אזוי אויך שלום עליכם... און אזוי ווייטער.

נאכדעם האט דער ראש ישיבה געמאכט א ברכה און געשמעקט הדסים, און אויך אראפגעשיקט פאר אלע קינדער צו שמעקן.

דרך ארץ ביי קידוש

פאר קידוש האט דער ראש ישיבה געזאגט פאר די קינדער: "קוקטס גוט וואס איך טו, אזוי וועלן ענק וויסן וואס צו טון נאך די חתונה". דער ראש ישיבה האט גענומען די בעכער און אריינגעגאסן פון דעם דריי טראפנס וואסער אין די באטל גרעיפ דזשוס, און דערנאך, ביים אנפילן די בעכער, געגאסן פיר מאל פון די באטל, און דערנאך געזאגט: " מען גיסט אריין פיר מאל אנטקעגן די פיר אותיות פונעם אייבערשטנ'ס נאמען, ווייל אלעס וואס מען טוט, טוט מען מיטן אייבערשטן".

דערנאך האט דער ראש ישיבה געפרעגט זיין ווייב: "ווער זאל די וואך אופהייבן די בעכער? האט זי צוריקגעפרעגט: "וועלכע פון די קינדער האבן די שענסטע געדאווענט די וואך?" האט דער ראש ישיבה געזאגט אז די וואך האט יצחק דוד געדאווענט די שענסטע, און ער האט טאקע אויפגעהויבן די בעכער.

איינער פון די קליינע קינדער האבן זיך געוואלט אויפשטעלן אויף א בענקל ביי קידוש, האט דער ראש ישיבה געזאגט פאר די עלטערע קינד וואס האט אים געהאלפן זיך אויפשטעלן ער זאל אכטונג געבן אז די קליינע זאל נישט אראפפאלן פון בענקל און נישט אויסגיסן די בעכער.

איינער פון די אביסל עלטערע קינדער האט געוואלט נאכמאכן די קליינע וואס איז געשטאנען אויפן בענקל, און ער האט זיך אויך אויפגעשטעלט, אבער דער ראש ישיבה האט אים געהייסן אראפגיין פון בענקל און שטיין שיין אויפן פלאר.

דא אין די קליינע הויז איז אלעס אויך איין פלאץ, אלעס נעמט אסאך שנעלער...

נאך קידוש האט זיך יעדער אראפגעזעצט אויפן פלאץ און דער ראש ישיבה האט אראפגעשיקט גרעיפ דזשוס פאר יעדעם איינעם.

נטילת ידים

דערנאך זענען אלע קינדער געגאנגען צו די סינק זיך שטעלנדיג דארט אין א רייע דער ראש ישיבה זאל זיי וואשן נטילת ידים. דער ראש ישיבה האט זיי אויסגעלערנט ווי אזוי צו האלטן די הענט ווען מען וואשט זיך.

דער ראש ישיבה'ס אייניקל איז געזיצן אין די היי-טשעיר, אינמיטן האט זי אנגעפאנגען זייער שטארק צו וויינען, האט דער ראש ישיבה געפרעגט: "פארוואס וויינט זי? זי האט נישט ליב צו זיצן אין די היי-טשעיר?" האט מען געזאגט אז איר מאמע האט אפגעווישט איר נאז, וועגן דעם וויינט זי. האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן צו איר מיט א שמייכל: "ס'איז גארנישט, א מאמע מעג אפווישן די נאז".

ווען יעדער איז שוין געווען געוואשן האט מען זיך צוריק אראפגעזעצט ביים טיש און דער ראש ישיבה האט געמאכט המוציא און געטיילט פאר יעדעם חלה.

איינער פון די קינדער האבן זיך געוואלט אויפשטעלן גיין העלפן אריינברענגען די פיש, אבער דער ראש ישיבה האט אים געזאגט אז ער זאל זיך צוריק אראפזעצן, דו וועסט קענען העלפן שפעטער ביי די זופ. און דער ראש ישיבה האט געשיקט א אנדערע קינד אין קאך העלפן אריינברענגען די פיש.

די מעלה פון א קליינע דירה

דער ראש ישיבה'ס זון הרב אלחנן שליט"א האט דארט געגעסן די סעודה, דער ראש ישיבה האט זיך נאכגעפרעגט ביי אים וואס ס'טוט זיך אין שטעטל, אויב ס'קומען אמאל געסט דאווענען אין שול, און אויב יא צו מען גייט צו צו זיי און מען איז זיי מקרב, מען נעמט זיי אויף שיין.

אויך האט זיך דער ראש ישיבה נאכגעפרעגט אויף די שיעור וואס ער געבט יעדע נאכט פאר די בחורים פון ישיבה קטנה, ווער ס'קומט אלס יעדע נאכט. דער ראש ישיבה האט זייער אויסגעלויבט אז ס'איז דא קלוגע עלטערן אין שטעטל וואס ברענגען יעדע נאכט זייערע קינדער צום שיעור, און ווארטן דארט ביז מען ענדיגט, כדי צו קענען אהיימצוטראגן.

שפעטער האט דער ראש ישיבה'ס זון אלחנן זיך אנגערופן: ס'איז אינטערעסאנט אז יעדע מאל ער קומט אהער צו די דירה אין וויליאמסבורג, קוקט עס אים אויס ווי ס'ווערט קלענער און קלענער... האט דער ראש ישיבה אנגעהויבן אויסרעכענען די מעלות פון א קליינע הויז און פארציילט אז מאמי האט געזאגט אין שטעטל ווען זי וויל זיך מאכן פרישטאג איז עס נישט אזוי גרינג, מען ווערט אינגאנצן אויסגעמוטשעט. קודם דארף זי גיין צו די פרידזשידער ארויסנעמען די אייער, און נאכדעם דארף מען גיין ביזזזזז די שענקל און ארויסנעמען די טאפ, און אפילו נאכדעם ווען אלעס איז שוין גרייט דארף מען נאך גיין ביז די טיש עס צו קענען עסן... דא אין די קליינע הויז איז אלעס אויף איין פלאץ, אלעס נעמט אסאך שנעלער...

אזעלכע גוטע עסן איז נישט דא אין ערגעץ

נאך די פיש איז דער ראש ישיבה געגאנגען אין קאך זיך וואשן די הענט. די בעיבי האט געוויינט און דער ראש ישיבה'ס ווייב האט געפרעגט אויב זי זאל קודם געבן צו עסן פאר די בעיבי, אדער קודם סערווירן די זופ. האט דער ראש ישיבה געזאגט אז מען קען ווארטן, און י זאל קודם געבן צו עסן פאר די בעיבי.

דערנאך האט דער ראש ישיבה געבעטן איינער פון די קינדער זאלן ברענגען מאמי'ס גלעזל, און דער ראש ישיבה האט אנגעגאסן פאר איר גרעיפ דזשוס מיט סעלצער און צוריקגעשיקט צו איר פלאץ.

דערנאך האט מען געזינגען זמירות און מען האט אריינגעברענגט די זופ מיט לאקשן, מען האט עס סערווירט זייער שיין מיט א גרויסע טעלער אונטער די זופ טעלער, און אויך האט מען אריינגעברענגט רעטעך, און זופ מאנדלעך. דער ראש ישיבה האט קאמפלימענטירט זיין ווייב ווי גוט די עסן איז, און אויסגעלויבט די עסן זאגנדיג "אזעלכע גוטע עסן איז נישט דא אין ערגעץ".

אריבער טראגן א קעיק צום שכן

שפעטער האט מען ווייטער געשמועסט, דער ראש ישיבה האט געפרעגט זיין זון ווער ס'שניידט אים די גראז אין שטעטל, האט ער געזאגט אז די גוי'אישע שכן האט עס געשניטן פאר אים איין מאל, האט דער ראש ישיבה געזאגט: "ס'איז א גוטע זאך אריבערצוטראגן פאר די גוי'אישע שכנים א קעיק ווען מען מופט

אריין אין א נייע דירה, ווייל אזוי קען מען האבן טובת הנאה פון זיי״.

דער ראש ישיבה האט געפרעגט זיין זון אלחנן: "איך האב דיך שוין פארציילט די מעשה וואס איז געשען ווען איך בין דיך געקומען באזוכן?" די ראש ישיבה האט פארציילט אז ווען ער איז אים געגאנגען באזוכן איז געווען זייער טונקל איך האב געמיינט אז ס'איז נאך דא א לאנגע וועג ביז מען קומט אן צו די גאס, אבער אינמיטן האבן מיר אריינגעהאקט אין די פאסט קעסטל און אריינגעפאלן אין א לאך אנטקעגן איבער די גאס. ס'איז געווען א נס אז ס'איז גארנישט געשען, ברוך השם.

דערנאך האט מען אריינגעברענגט די פלייש, קוגל, פערפל און אויך לעבער, מען האט עס ארומגעשיקט און יעדער האט גענומען אין זיין טעלער וויפיל ער דארף.

אליהו הנביא האט געראטעוועט ביי די מלחמה

נאכדעם איז מען אריינגעפארן אין אסאך שיינע שמועסן, ס'איז געווען זייער געשמאק יעדע מינוט ביי די סעודה. איינער פון די קינדער האבן פארציילט אז ער איז געווען די וואך ביי א לוי', און ער האט געזאגט אז ס'איז געווען זייער שרעקעדיג. דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן אז א פרוי וואס גייט צניעות'דיג אנגעטון דארף נישט מורא האבן פון קיין שום זאך.

שפעטער איז מען אריינגעפארן אין א שמועס וועגן די מלחמה, דער ראש ישיבה האט פארציילט אז די באבע רוטה איז געווען ביי די מלחמה, זי האט געהאט א שוועסטער וואס געווען כמעט די זעלבע עלטער ווי איר, ווען זיי זענען נאך געווען אויפן באן איז ארויפגעקומען איינער און צוגעגאנגען צו זייער מאמע און איר געזאגט אז זי זאל זאגן אז אירע צוויי קינדער זענען צווילינג.

שפעטער האט די באבע געזאגט אז עס מוז זיין ס'איז געווען אליהו הנביא, ווייל אזוי זענען זיי טאקע געראטעוועט געווארן.

שפעטער ווען מען האט זיי געמאכט בלוט טעסטס, האט מען גלייך געזען אז ס'קען נישט זיין אז זיי זענען צווילינג, איז מען געגאנגען זאגן פאר די רשע מענגעלע ימ"ש אז ס'איז נישט אמת אז זיי זענען צווילינג, האט ער געזאגט: "זאגן זי אז זיי זענען נישט צווילינגען? זאגן מיר אז זיי זענען יא צווילינג". און ער האט געהייסן מען זאל אומברענגען די נורסעס וואס האבן געזאגט אז זיי זענען נישט קיין צווילינג...

אויך האט דער ראש ישיבה פארציילט די נס וואס האט פאסירט מיט די זיידע מייזעלס פון ווייטצען זכותו יגן עלינו, אז א נאצי האט אים געהייסן גיין אין א זייט און אים געוואלט הרג'ענען, ער איז שוין געשטאנען מיט די גאן אויסגעשטרעקט און שוין געוואלט שיסן, ווען פלוצלינג איז אראפגעפלויגן א פערעשוט מיט א אמעריקאנע סאלדאט, ווען די סאלדאט האט געזען וואס גייט פאר האט ער שנעל גע'הרג'ט די נאצי און די זיידע איז ברוך השם געראטעוועט געווארן.

אויך האט דער ראש ישיבה פארציילט וועגן די באבע טייטלבוים עליה השלום, אז זי איז געליגן אפאר וואכן צוזאמען מיט די טויטע מענטשן, זי האט זיך געמאכט ווי זי איז טויט, און ביינאכט איז זי שטילערהייט ארויסגעקראכן פון די בארג טויטע מענטשן כדי צו זוכן עפעס עסן זיך צו דערהאלטן ביים לעבן.

די באטע איז אינדערפרי

אינמיטן די סעודה האט איינער פון די קינדער געפרעגט אויב ס'גייט זיין א באטע, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז זומער איז נישט דא קיין באטע שבת ביינאכט, זומער איז דא א באטע שבת אינדערפרי 7:00 אין שול לערנט מען פאר זוהר הקדוש, און דערנאך לערנט מען די סידור מיטן פירוש עת רצון פון מוהרא"ש.

א אינטערעסאנטע זאך וואס איך האב באמערקט ביי די סעודה, אז די קינדער זיצן נישט א גאנצן צייט ביי די טיש, זיי זענען דארט אנהייב סעודה, און דערנאך גייען זיי שפילן, פון צייט צו צייט רופט זיי דער ראש ישיבה צוריק צום טיש.

ס'איז נאך א ברסלב'ע סקול?

דער ראש ישיבה האט געפרעגט זיין שנור וואס ארבעט אין בית פיגא סקול אין שטעטל: "די סקול אין שטעטל איז נאך געבליבן א ברסלב'ע סקול, מען רעדט נאך פון רבי'ן? מען איז מחזק די קינדער? מען מאכט פריילך די קינדער?"

דערנאך האט מען געזינגען זמירות, און מען האט געבענטשט. קודם האט דער ראש ישיבה געבעטן אז מען זאל אראפשיקן די גרעיפ דזשוס, אבער ווען דער ראש ישיבה האט געזען

> **ער איז שוין געשטאנען מיט די גאן אויסגעשטרעקט און שוין געוואלט שיסן, ווען פלוצלינג איז אראפגעפלויגן א פערעשוט מיט א אמעריקאנע סאלדאט.**

אז ס'וועט נישט זיין גענוג צו אנפילן די כוס האט ער געבעטן איינער פון די קינדער זאלן עס טראגן אין קאך, און מען האט געבענטשט.

נאכן בענטשן ווען די קינדער האבן שוין געהאלטן אינמיטן גיין שלאפן, האט איינער געקלאפט אויפן טיר און געפרעגט אויב ס'איז דא די וואך א באטע, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז מען זאל אים זאגן אז ס'נישט דא קיין באטע.

שכח אייבערשטער אז איך האב געקענט מיטהאלטן אזא הערליכע סעודה מיטן ראש ישיבה שליט"א ווי איך האב מיך ארויסגעלערנט אזויפיל שיינע זאכן.

מעשיות פון תפילה

שמעון גאלדבערגער

בני ברק

איך האב זייער שטארק געוואלט מיטהאלטן דעם שיעור פונעם ראש ישיבה אין שטאט בני ברק אבער איך האב נישט געזעהן קיין מעגליכקייט אז דאס זאל קענען צושטאנד קומען האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל יא קענען דארט זיין און מיטהאלטן דעם שיעור.

שכח אייבערשטער אז די זאך וואס האט אויסגעזען אז דאס ממש נישט מעגליך ס'זאל געשען, האט זיך איבערגעדרייט לטובה און איך האב זוכה געווען צו קענען דארט זיין און מיטהאלטן דעם הערליכן שיעור התחזקות והדרכה.

ישראל דוד ברוקמאן

בני ברק

1. א חברט'ע פון די ארבעט האט איר געזאגט אז ס'לוינט זיך צו טוישן ווייל עס איז ווערד 1,100 שקל, און טעפ איז דא ברוך השם געוונג אין שטוב. האבן מיר טאקע באשלאסן עס צו טוישן.

מיר זענען געגאנגען צו דעם געשעפט, און געטראפן אפאר זאכן וואס מיר האבן געדאפט פארן שטוב. אויך האבן מיר געזען א שיינע טייערע סעמפל סעט פון 18 טעלערס וואס מיין ווייב האט זייער שטארק געוואלט, אבער דער פארקויפער האט אונז געזאגט אז דא אין געשעפט איז עס נישטא, עס איז געבליבן נאר די איינציגע סעט וואס ווערט גענוצט פאר א סעמפל, איר קענט פרובירן ביי אונזערע אנדערע לאקאלן וואס מיר האבן אין פארשידענע אנדערע געגענטער אין שטאט.

מיר האבן געבעטן דעם אייבערשטן אז ווען מיר וועלן האבן צייט צו גיין צו די אנדערע געשעפט זאל זיין דארט וואס מיר דארפן, די געשיר וואס מיר האבן געוואלט צוזאמען די טעלערס. צוויי טעג שפעטער זענען מיר

געגאנגען אין רמת גן צו דעם אנדערן געשעפט, מיר זענען גלייך צוגעגאנגען צו די טעלערס זען אויב זיי האבן וואס מיר ווילן, אבער מיר האבן דארט געזען נאר איין סעט פון די סארט, און נישט נאר דאס, נאר עס איז דא א צעטל אויף דעם אז איינער האט דאס שוין באשטעלט. מיר האבן געפרעגט דעם פארקויפער אויב עס איז דא נאך איינס פאר אונז, האט ער געזאגט אז ניין, אבער... ענק קענען עס נעמען. מיר פרעגן אים "עס איז נישט באשטעלט פאר איינעם"? זאגט ער "ניין עס איז קיינעמס נישט, איך האב עס נעכטן בטעות געברענגט פון גבעת שמואל געגענט און איך דארף עס צוריק דארט טראגן, אבער אויב איר דארפט דאס קענט איר דאס נעמען...

שכח אייבערשטער מיר זענען אהיים מיט אלעס וואס מיר האבן געוואלט.

2. זונטאג פרשת בהר האט מען געהערט די פרייליכע בשורה אז דער ראש ישיבה שליט"א קומט אויף א באזוך אין ארץ ישראל. איך בין געווען זייער איבערראשט, אבער צו איין זאך האב איך נישט געקענט מסכים זיין, לויט די פלענער דארף דער ראש ישיבה שליט"א קומען מאנטאג אין ארץ ישראל און זיין אין מירון ביז נאך ל"ג בעומר, הערשט נאכדעם וועט ער קומען אין ירושלים און בני ברק, איך האב געטראכט צו זיך, וואס?! דער ראש ישיבה שליט"א גייט זיי א וואך אין ארץ ישראל און איך וועל אים נישט זען? איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל זוכה זיין צו זען דעם ראש ישיבה שליט"א נאך פאר ל"ג בעומר.

מאנטאג איז אריבער א שמועה פון אויער צו אויער אז דער ראש ישיבה שליט"א קומט באזוכן די תלמוד תורה אין בני ברק, שכוח אייבערשטער אז איך וואוין א גאס אריבער און איך האב גלייך געקענט ארויס גיין פונדערהיים און טרעפן דעם ראש ישיבה שליט"א ווען ער איז אנגעקומען אין חדר, און זוכה געווען צו געבן 'שלום עליכם'. נאכדעם האבן מיר אויך זוכה געווען אז עס איז געווען א מנין מנחה און א שיעור מיטן ראש ישיבה שליט"א אין בית המדרש.

נישט נאר דאס, מיטוואך נאכמיטאג איז אנגעקומען א הודעה אז 7:30 גייט פארקומען דער 'ליל שיש שיעור' אין טבריה. איך בין אהיים געקומען פון די ארבעט 4:30 און הערשט דאמאלטס אנגעפאנגען זוכן א וועג צו טברי'. שכח אייבערשטער אז נאך אפאר תפילות רופט מיר אן איינער אז עס איז דא פלאץ ביי אים אין קאר. שכח אייבערשטער אז מיר זענען ארויס געפארן זעקס אזייגער און אנגעיאגט צו אנקומען גלייך ביים אנפאנג שיעור.

אלחנן זויבערמאן

צפת

יא, יא, צוזאמען מיט המוני כלל ישראל האב איך מיך אויך געשלעפט אויף די וועלדער ארום מירון און צוויי מאל געווארן געכאפט און אנטלאפן...

די ערשטע מאל האב איך מתפלל געווען ביים ארויסגיין פון צפת אז איך זאל אנקומען בשלום. דורכאויס די 3 שעה אונטערוועגנס האב איך ווער-ווייסט-וויפיל-מאל געבעטן די זעלבע תפילה.

אויך ווען די רשעים האבן יעדן געהייסן גיין אין א גראדע שורה צום באס וואס פירט ארויס פון צפון געגענט - און נאר איך מיט נאך איינעם פון אנ"ש זענען ארויסגעלאפן מיט סוקסעס - אנדערש פון די וואס האבן נישט געבעטן. אויך ווען מיינע פיס זענען שוין כמעט צאמגעפאלן נאך שעות גיין אויף שווערע וועגן - האב איך געהאלטן אין איין בעטן דעם אייבערשטן איך זאל אנקומען בשלום.

אזוי אויך די 2'טע מאל ווען איך האב שוין נישט געקענט אנטלויפן פון שוואכקייט - און מ'האט יעדעם געהייסן שטיין לעבן א וואנט און זיך נישט רירן פון פלאץ, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן, און האב ברוך השם מצליח געווען צו אנטלויפן.

שפעטער ווען איך האב מיך באהאלטן אין א שול אין א דארף לעבן מירון, האב איך ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל מיך ארויסזען פון דא ווי אמשנעלסטן. אויך ווען איך האב שיעור גע'חלש'ט, האב איך נישט פארגעסן צו בעטן דעם אייבערשטן. שכח אייבערשטער אז איך בין אנגעקומען צו רבי שמעון בשלום און זיך ארויסגעבעטן אלעס גוטס!!!

א מעשה
פון א צדיק

דער אינטערעסאנטער סיום

אין יאר תש"י איז געווען אין ארץ ישראל זייער א שווערע מצב, עס נישט געווען וואס צו עסן. איין טאג האט א איד אויפגעהאנגען א צעטל אין די שולן, אז מארגן אין די צייט וועט זיין א סיום מסכתא, און ער שטעלט צו א גרויסע סעודה פון פיש און פלייש לכבוד דעם סיום.

פארשטייט זיך עס האט נישט געפעלט קיין מענטשן, ווייל קיינער האט דעמאלטס נישט געהאט קיין פלייש, אין א צייט פון אזא מורא'דיגע הונגער. דער איד האט זיך אפגעשפארט א פרוטה נאך א פרוטה, און געמאכט א גרויסע סעודה. ביי די סעודה האט ער געמאכט א סיום אויף מסכת מועד קטן, דער עולם האט זיך זייער געוואונדערט דערויף, "אויף אזא סיום [מועד קטן] געבסטו אויס אזוי פיל געלט?!" האט ער זיי געזאגט: איך וועל אייך דערציילן פארוואס איך האב דאס געטון.

ווי באוואוסט האט מען געמוזט ארבעטן ביטער שווער ביי די לאגערן, איז געווען צווישן די אידן איין איד וואס האט מיט קיינעם נישט גערעדט, ער פלעגט שטענדיג רעדן צו זיך, כאטשיג וואס נאך א גאנצע טאג שווערע ארבעט, ווען מען איז געקומען ביינאכט שלאפן אויף די ברעטער, איז ווי פארשטענדליך, אז מען רעדט איינער מיטן אנדערן, אבער ליידער איז געווען אסאך מענטשן, וואס זענען משוגע געווארן און אראפ פון זינען פון די פיל צרות, און זיי האבן אנגעהויבן רעדן צו זיך אליין, עס זענען געווען וואס זענען ליידער צוגעגאנגען צום עלעקטערישן דראט און זיך עלעקטערעזירט רחמנא לצלן, ווייל וויפיל קען דען א מענטש אויסהאלטן?! האט מען געמיינט אז דער מענטש איז אויך משוגע געווארן רחמנא לצלן פון אזויפיל ביטערע צרות, און וועגן דעם האלט ער אין איין זאגן עפעס.

איין נאכט קומט ער צו אים צו, ער וועקט אים אויף, די ערשטע זאך בעט ער אים איבער, און זאגט אים: זיי מיר מוחל וואס איך האב אייך אויפגעוועקט, איך מוז אייך אבער זייער וויכטיג עפעס זאגן: איך האב אלע יארן געלערנט ש"ס, יעצט בין איך אנגעקומען ביז מועד קטן דף ח', איך שפיר אז די נשמה גייט מיר שוין אויסגיין, דערפאר בעט איך אייך איין זאך, איר זאלט מיר צו זאגן אז ווען איר וועט איבערלעבן די מלחמה, וועט איר מאכן א סיום אויף מסכתא מועד קטן וואס איך האב נאכנישט געענדיגט פון ש"ס, און מיר אינזין האבן, איך וועל אייך אינזינען האבן דערפאר.

וויסן זאלט איר אז איך בין יעצט ביי די מדריגה פון דער תנא 'רבי עקיבא', ווייל מען האט אונז אויסגעפייניגט, און מיר גייען אלע אומקומען אויף קידוש השם, נאר איר וועט דאס איבערלעבן, און ער לייגט אים צו "דאס וואס איר האט געזען אז איך האלט אין איין זאגן עפעס, און מענטשן האבן געמיינט אז איך בין משוגע, זאלט איר וויסן אז איך האב שטענדיג גע'חזר'ט גמרא, יעצט בעט איך אייך איר זאלט מיר צו זאגן און געבן א 'תקיעת כף', אז איר וועט מאכן א סיום אויף מסכת מועד קטן". בלית ברירה האט ער אים צוגעזאגט, ווי אויך האט ער זיך געמאכט א חשבון: ער גיט דאך מיר אזא גרויסע ברכה אפשר וועט דאס טאקע מקוים ווערן.

מועד קטן
MOED KATON.
OPUS IN QVO DE BENEDICTIONIBUS, DE GRATIIS DEO AGENDIS

וכך הוה, דער איד האט גלייך אויסגעהויכט זיין נשמה, אזוי אויך איז ליידער קיינער פון דעם לאגער נישט ארויס לעבעדיג נאר ער, אין דעם זכות וואס ער האט דעם איד צוגעזאגט צו מאכן דעם סיום, און ער האט אים דערפאר אנגעוואונטשן דורכצולעבן די קריג. יעצט אז ער האט איבערגעלעבט די מלחמה מיט ניסי ניסים, און ער האט שוין ברוך השם חתונה געהאט און געקומען אביסל צו זיך פון דעם ביטערן חורבן, האט ער דאס מקיים געווען און יעצט מאכט ער דעם גרויסן סיום.

אזוי זענען אלץ געווען אידן וואס האבן זיך דערהאלטן אין די שווערסטע און ביטערסטע מצבים, און נישט פארלוירן די אמונה.

(קונטרס וואס איד נייעס)

דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע

ע"ח

פָּארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:

אִין יָאר תקכ"ח, אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אַ רוֹצֵחַ מִיטְ'ן נָאמֶען גַאנְטֶע, יִמַח שְׁמוֹ וְזִכְרוֹ, אוּן עֶר הָאט רֶעוָואלְטִירְט קֶעגְן דֶעם קֶענִיג. אִין יֶענֶע צַייט הָאט גֶעוואוֹינְט אִין אוּמַאן אַ גְרוֹיסֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק מִיטְ'ן נָאמֶען רֶבִּי דָוִד חַזָן.

סְ'הָאט זִיךְ אַרוּמְגֶעקְלִיבְּן אַרוּם דֶעם רוֹצֵחַ אַ גְרוֹיסֶע בַּאנְדֶע פוּן רוֹצְחִים אוּן אִידְן פַּיינְט, אוּן זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן גֵיין פוּן שְׁטָאט צוּ שְׁטָאט אוּן פוּן דָארְף צוּ דָארְף, זֵיי הָאבְּן גֶעמָארְדֶעט אוּן גֶערוֹיבְּט וָואס סְ'אִיז זֵיי נָאר אוּנְטֶערְגֶעקוּמֶען אוּנְטֶער דִי הַאנְט.

זֵייעֶר עִיקָר רְצִיחוֹת אִיז גֶעוֶועזְן קֶעגְן אִידְן, וואוּ זֵיי הָאבְּן נָאר גֶעפוּנֶען אַ דָארְף אָדֶער שְׁטֶעטְל פוּן אִידְן, הָאבְּן זֵיי גֶע'הַרְגְ'ט אוּן גֶעמָארְדֶעט מִיט מִיתוֹת מְשׁוּנוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן גֶערוֹיבְּט זֵייעֶר גַאנְץ פַארְמֶעגְן. אַזוֹי וִוי אִין יֶענֶע צַייט אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין גֶעהֶערִיגֶע מֶעגְלִיכְקֵייטְן זִיךְ צוּ פַארְבִּינְדֶען אוּן אַיינְמֶעלְדְן פַאר דִי מִינִיסְטָארְן אוּן דִי מְלוּכָה וָואס עֶס גֵייט פָאר אִין דִי קְלֵיינֶע דֶערְפֶער אוּן יְשׁוּבִים, דֶערְפַאר הָאט זֵיי קֵיינֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּרִיקְהַאלְטְן פוּן זֵייעֶרֶע רְצִיחוֹת.

וֶוען דֶער רוֹצֵחַ אִיז אָנְגֶעקוּמֶען נָאנְט צוּם שְׁטָאט אוּמַאן, אוּן דִי אִידְן אַרוּם אוּמַאן הָאבְּן שׁוֹין גֶעהֶערְט אִיבֶּער דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע רְצִיחוֹת פוּן דֶעם גַאנְטֶע מִיט זַיין בַּאנְדֶע, הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן אַנְטְלוֹיפְן פוּן זֵייעֶרֶע דֶערְפֶער אַרַיין צוּם שְׁטָאט אוּמַאן, אַלֶע מֶענֶער פְרוֹיעֶן אוּן קִינְדֶער זֶענֶען אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען קַיין אוּמַאן, וַוייל אִין אוּמַאן אִיז גֶעוֶוען דַאן דֶער הֶערְשֶׁער אַ גְרוֹיסֶער גְרַאף וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער אוֹהֵב יִשְׂרָאֵל, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעקְלֶערְט אַז עֶר וֶועט זֵיי רַאטֶעוֶוען.

וֶוען דֶער גְרַאף הָאט אָבֶּער גֶעהֶערְט אַז גַאנְטֶע מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן קוּמֶען קַיין אוּמַאן, הָאט עֶר זִיךְ פַארְשְׁלָאסְן אִין זַיין הוֹיז, אוּן קֵיינֶעם נִישְׁט צוּגֶעלָאזְט צוּ זִיךְ. אַרוּם זַיין הוֹיז אִיז גֶעוֶוען וִוי אַ גְרוֹיסֶער מוֹיעֶר.

עֶס הָאבְּן זִיךְ דַאן צוּזַאמְגֶענוּמֶען אִין אוּמַאן, פוּן דִי אַלֶע שְׁטֶעטְלֶעךְ אוּן דֶערְפֶער אַרוּם אוּן אַרוּם, דְרַייסִיג טוֹיזְנְט אִידִישֶׁע נְפָשׁוֹת, מֶענֶער פְרוֹיעֶן אוּן קִינְדֶער.

דֶער בַּאהַאלְטֶענֶער צַדִיק רֶבִּי דָוִד חַזָן הָאט גֶענוּמֶען מִיט זִיךְ אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן אוּן זִיךְ בַּאהַאלְטְן מִיט זֵיי אִינֶעם הֵייל, אוּן קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּן זֵיי.

דֶערְנָאךְ אִיז גַאנְטֶע מִיט זַיין בַּאנְדֶע אָנְגֶעקוּמֶען קַיין אוּמַאן, עֶר הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ חוּפָּה אִין הוֹיף פוּן דִי שׁוּל, אוּן אוּנְטֶער דִי חוּפָּה הָאט עֶר גֶעשְׁטֶעלְט אַ שֶׁתִי וָעֶרֶב, אוּן עֶר הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן, "וֶוער סְ'וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין אוּנְטֶער דִי חוּפָּה אוּן זִיךְ בּוּקְן צוּם צֵלֶם, וֶועט בְּלַייבְּן לֶעבְּן".

אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען דָאךְ אַזוֹי הֵיילִיג אוּן טֵייעֶר, עֶס הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעפוּנֶען אֲפִילוּ נָאר אֵיין אִיד וָואס הָאט גֶעוָואלְט אוּנְטֶערְגֵיין אוּנְטֶער דִי חוּפָּה. אוּן דַאן הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן הַרְגְ'עֶנֶען אִידְן אוֹיף אַ גְרוֹיסְן פַארְנֶעם מִיט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע אַכְזָרִיוּת, סְ'אִיז גֶעוֶוען דָארְט גֶעפֶערְלִיכֶע וֵויי גֶעשְׁרֵייעֶן פוּן דִי צַעַר אוּן יִסוּרִים וָואס זֵיי הָאבְּן נֶעבֶּעךְ גֶעלִיטְן.

אִין אָנְהוֹיבּ הָאבְּן גֶעוִויסֶע אִידְן פְּרוּבִּירְט מִלְחָמָה צוּ הַאלְטְן מִיט זֵיי, דִי קַצָבִים אוּן בַּעֲלֵי עֲגָלוֹת אוּן אַזוֹי וַוייטֶער הָאבְּן פְּרוּבִּירְט זִיךְ צוּ שְׁלָאגְן מִיט דִי רוֹצְחִים, אוּן סְ'אִיז זֵיי טַאקֶע גֶעלוּנְגֶען צוּ הַרְגְ'עֶנֶען אַסַאךְ פוּן דִי רוֹצְחִים, אָבֶּער צוּם סוֹף זֶענֶען זֵיי אַלֶע לֵיידֶער גֶע'הַרְגְ'ט גֶעוָוארְן.

דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע שְׁחִיטוֹת הָאבְּן אָנְגֶעהַאלְטְן פַאר דְרֵיי טֶעג, ו' ז' אוּן ח' תַּמוּז תקכ"ח, דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע וֵויי גֶעשְׁרֵייעֶן הָאבְּן אָנְגֶעהַאלְטְן פַאר דְרֵיי טֶעג אוּן נֶעכְט, סְ'אִיז גֶעוֶוען מַמָשׁ פְּחָדִים נוֹרָאִים. רֶבִּי דָוִד חַזָן מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעהֶערְט אִין דִי מְעָרָה דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע קוֹלוֹת, אוּן זֵיי הָאבְּן מוֹרָא גֶעהַאט אַרוֹיסְצוּגֵיין.

וָואס הָאט זִיךְ וַוייטֶער אָפְּגֶעשְׁפִּילְט?
לֵיינְט קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה

א פינף יעריגע זיידע

ישראל דוד העסקעל

ס'איז דאנערשטאג נאכט - ליל שישי, בערך האלב נאך עלף ביינאכט. איך זיץ אויפן פארטש אין בארא פארק אויף די פינף און פערציגסטע גאס צווישן פערצן און פופצן, די וועטער איז גאר איינגענעם, דא דארט בלאזט א שטיקל ווינטעלע, איך זיץ דארט מיט מיין אייסעס אין די הענט, און מיין מוח הייבט אן לויפן.

איך זעה עס קלאר, דער פינף יעריג אינגל וואס קומט ארויף, טאקע אויף אט די פארטש אויפן דריטן שטאק, באפאנצערט ביז די ציין מיט ווינטער קליידער, א קאוט אויף א סוועדער אויף א דיקן העמד ארומגעוויקלט מיטן שאליקל, די אויערן שטארק באדעקט מיט ריזיגע אויערן שיצערס, אויף די קליינע הענטעלעך צוויי דיקע גראבע הענטשקעס, און פארשטייט זיך די נייע באָטס!

אין די האנט ליגט זיין קליינעם שאוועלע, און מיט איין שמחה געבט דער אינגעלע א עפן אויף די טיר פון פארטש קוקט ארויף צום הימל און געבט א שריי אויס "ס'שנייט"!

א קליינינגקייט א שניי?! א יום טוב פאר א אינגל, נישט דא קיין חדר, אלעס איז פארזעצט, אלעס איז פארקנאקט, קארס פארן נישט, געשעפטן צוגעמאכט, קינדער קענען איינמאל פאר אלעמאל געהעריג שפילן!!!

דער קליינער אינגעלע האט טאקע א גאנצן טאג פארברענגט אויפן ד' על ד' פארטש, אויפן טאגס מיסיע פון שאוולען די שניי. ביינאכט איז ער אריינגעקומען מיט פורפל הענט "מישן עקאמפלישד"! די שניי פונעם פיצל פארטש אויפן דריטן שטאק איז געשאוולט!

אההההה מיינע זכרונות קעמערלעך פארן ווייטער צו יענעם זומער יולי דעם פערטן ווען דער אכט יעריגס איז געזעסן מיט זיין מאמע אויפן פארטש צוועלף אזייגער ביינאכט ווייל ס'איז זומער און ער איז שוין א "גרויסער אינגל" וואס מעג זיין אויף מיט צו האלטן די פייער קרעקערס

וואס די גוים פייערן דעם טאג...

יא איך געדענק נאך די טעם פון די פאטריאטישע אמעריקען פלעג אייסעס וואס אונז האבן יענע נאכט באקומען... ס'איז געווען שטיקעדיג הייס, אבער אלע שכנים זיצן אינדרויסן און האלטן מיט די פייער קרעקערס.

יושש די פרידאם טורעם פון מאנהעטן, מיר זענען אויפגעוואקסן מיט א פאדערשטן זייך צו קענען מיטהאלטן די מעכטיגע קאנסטראקשן אויף אמעריקעס העכסטע בנין!

איך קוק אראפ אונטן און איך זע דער אינגעלע ווי ער שפילט און קוקט ארויף צום פארטש ווי זיין מאמע שרייט צו אים "קום אהיים מ'דארף שוין עסן סאפער און גיין שלאפן..."

איך האב געמיינט אז דאס איז מיין לעבן, דא גייט עס אייביג בלייבן, מיינע שכנים מיט מיין בייק, מיין גאס מיט מיין קארנער, מיין צימער מיט מיין פארטש.

בארא פארק איז די איינציגסטע וואוינבארע פלאץ פאר א איד, אונזער שול איז די איינציגסטע געהעריגע שול, אלעס גייט אייביג זיין פונקט אזוי...

הע הע איך געב זיך א גוטע לאך אונטער, זיצענדיג יעצט אויפן פארטש. איך קוק אראפ אויף די פארבייגייער, יא מענטשן גייען נאך און קומען נאך אזוי ווי ווען איך בין געווען א אינגל, די זעלבע בוים פון פארנט פון די הויז, פארקינג איז נאך אלץ נישט דא פון דעמאלט... דער שכן פון ווייטער ארויף די גאס איז נאכאלץ צוקריגט מיטן שכן פון ווייטער ארויף די גאס...

מיין מאמע בארגט נאך פון די זעלבע שכנים, און זיי קומען צוריק בארגן. אלעס איז פונקט די זעלבע!

דער גוי וואס וואוינט אין בעיסמענט מאכט נאך אלץ צרות - מ'קען פון אים נישט לויז ווערן. איך געב נאכאמאל א קוק אראפ אונטן צום פראנט טיר און איך זע די שעות אויף שעות וואס איך פלעג שטיין אינדרויסן רעדן און שמועסן מיט חברים דברים העומדים ברומו של עולם... ממש זיך טענה'ן ארויף און צוריק טענה'ן אראפ, אוי ס'קומט מיר צו שמייכלען, אפילו זייערע נאמבערס האב איך נישט...

די מוסד פון קעגן איבער דרייט נאכאלץ איבער די גאס, יעדן טאג א פרישע יומא דפגרא, א ל"ג בעומר פייער, א כפרות צענטער, דא פארמאכט מען די גאס ווייל ס'דא א רעבישע חתונה, ס'איז נאך די זעלבע...

צומישטערהייט שטיי איך דארט און ס'קלינגט מיר אין אויערן די מעשה פון רבי נתן וואס דער ראש ישיבה האט דערציילט ביים שיעור.

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז ביי רבי נתן איז אמאל געווען ווען ער איז געזעצן מיט די תלמידים און פון אינדרויסן האט מען געהערט א רעש, איינער פון די תלמידים האבן געוואלט לויפן צום פענסטער כאפן א בליק וואס טוט זיך אינדרויסן.

רבי נתן פרעגט דעם תלמיד "וואו גייסטו?"

ענטפערט דער תלמיד "ס'טוט זיך א מצב אינדרויסן, איך וויל נאר זען וואס גייט פאר..."

זאגט אים רבי נתן: "מיין טייערער תלמיד הער מיך גוט אויס, נישט דא גארנישט קיין נייעס, ס'איז נישט דא וואס צו זען, אויב וועסטו צוריק קומען אהער אין פופציג יאר ארום וועסטו זען אז אלעס איז די זעלבע, די מארק גייט ווייטער און די רעש גייט ווייטער און, גארנישט האט זיך נישט געטוישט נאר די מענטשן מיט די פערד זענען נייע, חוץ פון דעם איז אלעס די זעלבע.

(אגב דער ראש ישיבה פארציילט נאך אן ענליכע מעשה פון רבי נתן אז אמאל איז רבי נתן געזעצן אין זיין צימער געלערנט און זיך מתבודד געווען מיטן אייבערשטן, ווען אינמיטן הערט ער קולות וברקים פון פענסטער, עפעס טוט זיך אינדרויסן. רבי נתן האט זיך געוואלט אויפשטעלן כאפן א בליק ביים פענסטער זען וואס די רעש איז...

אבער פלוצלינג געבט זיך רבי נתן א כאפ אן אין טיש און זעצט זיך צוריק אוועק און זאגט צו זיך "איין בליק ווייניגער אויף די וועלט איז פארט בעסער"!!!)

איך שטיי דארט אויפן פארטש און כאפ זיך אז אלעס איז פונקט די זעלבע, נאר נייע מענטשן מיט נייע קארס!

אויב האב איך אין די צייט זוכה געווען צו קענען אריינכאפן עטליכע פרקים משניות און זיך מתבודד זיין אביסל מיטן אייבערשטן און שיין רעדן צו די ווייב איז דאס מיין געווינס. איך בין געוואקסן, איך בין געשטיגן, איך בין עפעס מער פון דער אינגעלע וואס האט געשארט שניי אויפן פארטש...

אויב א מענטש דרייט זיך אין זיין לעבן און מאכט הקפות צוואנציג מאל א טאג און רוקט זיך נישט טוט נישט גארנישט, איז ער גארנישט אנדערש פונעם גראבן בוים וואס זיצט דארט פארנט פון מיין טאטעס הויז...

א מענטש דארף לעבן מיט תכלית מיט חשבון הנפש, וואס האב איך אריינגעקעשט פון היינט? לאז נישט א טאג אריבערגיין אן תפילין, אן לערנען, אן געבן גוטע ווערטער אין שטוב, וועסטו זיך רוקן דו וועסט ווערן א טאג עלטער!

אויב חלילה איז מענטש נישט מקורב צו א צדיק, ער לעבט נישט מיט לעבעדיגע התחזקות אויף לעובדא ולמעשה "ער איז א בלויז א נארמאלע מענטש" איז ער די זעלבע פינף יעריגע מיט א שיינע ווייסע בארד - פחדים!!!!

גייענדיג אויפן גאס אויפן וועג אין שול פרייטאג צונאכטס, ארויף שפאצירנדיג דעם פערצנטע עוועניו פון פינף און פערציג ביז פינף און פיפציג האב איך באגעגנט גאנץ אסאך מענטשן, מענטשן קומען מענטשן גייען, איינער איז אויפן וועג אהיים פון שול, איינער לויפט נאך מיט די מקוה זעקל אין די הענט, זייער אסאך פענימער האב איך געדענקט נאך פון אמאל...

איך האב אזא רחמנות באקומען אויף אידישע קינדער, איך האב אנגעהויבן טראכטן, קוק וויפיל אידן זענען נעבעך נישט מקורב צו א צדיק, זיי ווייסן נישט אז מען קען רעדן צום אייבערשטן און דווקא

נאר אים געפעלן. איך האב געזאגט: "רבונו של עולם וואלט איך ווען נישט באקומען פון רבי'ן דעם דרך הלימוד, וואלט איך ווען נישט באקומען פון רבי'ן שלום בית, וואלט איך ווען נישט באקומען פון רבי'ן

התבודדות - ס'איז נישט פארהאן גארנישט קיין שום מציאות אויפן וועלט אויסער אייבערשטער, וואלט איך ווען נישט באקומען פון רבי'ן א וועג צו קענען תשובה טון און ווערן אן ערליכע איד פון

יעצט, וואלט זיך נאכאלץ אלעס געלוינט אבי צו קענען זיין מקורב צו א צדיק וואס וועקט מיר אויף יעדן טאג צו לעבן מיט תכלית".

על אחת כמה וכמה טובה כפולה ומכופלת אז דער אייבערשטער האט אויף אונז רחמנות געהאט אונז געברענגט צו די לעכטסטיגסטע פלאץ אויף די וועלט וואו דער ראש ישיבה געבט אונז אזוי פיל אז ביז מ'געבט נישט א טריט אינדרויסן

כאפט מען אפילו נישט ווי גליקלעך מיר זענען!

יעצט דארפן מיר נאר בעטן דעם אייבערשטן אז מיר זאלן זוכה זיין צו קענען פאלגן אלע לעבטיגע זיסע עצות וואס דער ראש ישיבה ברענגט פאר אונז וועלן מיר אויך זוכה זיין צו ווערן גרויסע צדיקים!

אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!

לעצטע געלעגנהייט!

ב"ה

מרישא ועד גמירא

פלאטפארמע מיטצוהאלטן פארשריט פון ספרי מכון עצתו אמונה

דער ספר ווערט בעז"ה פארמאכט דינסטאג בהעלותך הבעל"ט

מיר האלטן שוין ברוך ה' ביי די פערטע פאזע!

עצתו אמונה חלק י'
גייט שוין אט אט צום דרוק

1 ערשטע פאזע - 3 וואכן: הגהה

2 צווייטע פאזע - 2 וואכן: אויסשטעל

3 דריטע פאזע - 3 וואכן: צוזענדיגן

4

בשורה טובה: מ'קען שוין איינהאנדלען א זכות דורך אונזער מטבע אקאונט: 00124222790
ווי אויך דורך אונזער OJC אקאונט: 10505

האנדלט אייך איין א זכות אינעם ספר וואס וועט מחי' זיין און מחזק זיין טויזנטער אידישע קינדער צו עבודת ה'
רופט שוין אן ר' ישעי' איידליס הי"ו צו נעמען אייער זכות 347.831.1391

חשקת התורה

לכבוד דעם הייליגן יום טוב שבועות טוט "קרית ברסלב בלעטל" אפהאלטן א שמועס מיט **הגאון רבי משה גראס שליט"א** פון ירושלים עיה"ק ווי ער זיצט פארטיפט איבער זיין גמרא און הארעוועט על התורה ועל העבודה | **דער אינגער עילוי וואס קען ש"ס בבלי און ירושלמי דורכ'ן סדר דרך הלימוד פונעם הייליגן רבי'ן** | ווען ער טענה'ט זיך מיט תורה ריזן איבער מימרות פון בבלי און ירושלמי

נפתלי הירצקא וואללנער

זצט זיך א אינגער עילוי אין א שטילן בית המדרש אין ירושלים עיה"ק, וואו ער לערנט און לערנט די הייליגע תורה מיט א געשמאק אן אויפהער, עס אינטערעסירט אים נישט דעם גאנצן ארום, ער איז פארטיפט אין זיין גמרא, און מער פון דעם גייט אים גארנישט אן. יעדעס מאל ווען איך האב זיך באגעגענט מיט אים האט דאס מיר נאכאמאל אויפגעשאקלט און געמאכט טראכטן פון תכלית. פארשטייט זיך אז איך בין געווארן היפש נייגעריג צו פארשטיין וויאזוי ער איז צו דעם צוגעקומען, אז די תורה זאל אים זיין אזוי זיס און געשמאק, און אז דאס זאל זיין די גאנצע לעבן זיינער. עפעס ליגט אינטער די געוואלדיגע התמדה, זיכער האט ער אסאך צו פארציילן וויאזוי ער האט דאס דערגרייכט.

יעצט שטייענדיג אין די טעג פונעם הייליגן יום טוב שבועות איז מיר נאכאמאל ארויפגעקומען אויפן געדאנק דעם נאמען רבי משה גראס שליט"א, איך האב אפגעמאכט אז יעצט איז געקומען די צייט צו כאפן מיט אים א שמועס און הערן פון אים אליין זיין פערזענליכע היסטאריע.

געלויבט דער אייבערשטער אז ער האט מסכים געווען צו כאפן מיט אונז א שמועס און גרייט געווען איבערצוגעבן פאר די חשובע ליינער אלעס וואס קען זיין אינטערעסאנט פאר די חשובע ליינער.

לאמיר צוגיין צום ענין און הערן פון אים אליינס: איך הייס משה גראס, מיין טאטע איז א סאטמאר'ער חסיד און האט זיך אסאך געדרייט ביי הגה"צ רבי אשר פריינד זי"ע. אין די חדר יארן האב איך געלערנט אין סאטמאר, אלס בחור אין ישיבה גדולה בין איך אריין לערנען אין ישיבה אהבת התורה פון המשפיע הרה"צ רבי צבי מאיר זילבערבערג שליט"א. אלס אינגער בחור האט זייער געברענט אין מיר צו זיין אן ערליכער איד אבער איך האב נישט געטראפן קיין וועג דערצו, איך האב געוואלט זיין א עובד ה' אבער עס איז מיר זייער שווער געגאנגען, איך האב געהאט א חבר וואס האט מיר געזאגט אז צו זיין אן ערליכער איד דארף מען מאכן שווערע עבודות, איך האב אבער געוואלט זיין דבוק צום אייבערשטן מיט אן אמת, איך האב זייער געוואלט דורכלערנען כל התורה כולה, און איך האב אסאך געבעטן דעם אייבערשטן אויף דעם

> פון ווען איך בין אנגעקומען אין ישיבה מיט די ספרים, איז נישט דורך קיין לאנגע צייט און די גאנצע באקס איז געווארן קאנספיסקירט און אוועקגענומען פון מיר.

איך געדענק אלס בחור האב איך זייער ליב געהאט צו לערנען, איך בין געווען ברוך ה' פון די מצוינים פון די ישיבה, איך פלעג לערנען שעות על גבי שעות ברציפות אויף איין פלאץ אין בית המדרש, איך האב מער געגליכן צו לערנען אויף א שנעלערן אופן שיעור בקיאות, איך האב אלץ געזוכט א וועג וויאזוי מען קען ענדיגן גאנץ ש"ס, אבער איך האב נישט געזען קיין געהעריגע מהלך וואס ארבעט פאר מיר

דארט אין ישיבה האט אויך געלערנט א ברסלב'ער בחור וואס האט נישט געוויסט פון די זיסע דרך הלימוד, ווען ער האט געזען אז איך לערן נישט אזוי סאך קיין עיון איז ער צוגעקומען צו מיר און מיר געפרעגט פארוואס איך לערן נישט שיעור עיון, האב איך אים געזאגט אז איך גלייך מער בקיאות, האט ער זיך זייער געפריידט צו דעם זאגענדיג אז ער גלייכט אויך מער בקיאות, און ער האט מיר געפרעגט צו איך וויל ווערן זיין חברותא. איך האב זיך זייער געפריידט פאר דעם פארשלאג, און טאקע אנגעהויבן לערנען מיט אים יעדן טאג בחברותא. איך האב געענדיגט מיט אים אין א קורצע צייט עטליכע גרינגע מסכתות

דער בחור זייענדיג א ברסלב'ער חסיד האט מיר אלץ נאכגעזאגט א ווארט פון רבי'ן, א שיחה פון רבי'ן, א שטיקל ליקוטי הלכות, אזוי האט זיך אין מיר צוביסלעך אנגעצונדן א געשמאק צו אריינקוקן אינעם רבינ'ס ספרים, און ווי מער איך האב אריינגעקוקט אינעם רבינ'ס ספרים האט מיר אנגעהויבן ממש לעכטיג צו ווערן, איך האב זיך זייער מחי' געווען מיט דעם. וואס האט אבער פאסירט איז אז ווי מער איך בין געווארן מקורב צו ברסלב, האבן די בחורים פון ישיבה מיר אנגעהויבן זייער צו פייניגן זעענדיג אז איך האב שייכות מיט ברסלב

מיט די צייט האב איך זיך אפגעשפארט אביסל געלט דא און דארט און אזוי ארום געקענט קויפן אסאך ברסלב'ע ספרים, אבער פון ווען איך בין אנגעקומען אין ישיבה מיט די ספרים, איז נישט דורך קיין לאנגע צייט און די גאנצע באקס איז געווארן קאנספיסקירט און אוועקגענומען פון מיר. איך האב אנגעהויבן גיין צו דעם

משגיח און צו יענעם משגיח, יעדער האט מיר געשיקט צו א צווייטן. איך האב זיך דעמאלט מחזק געווען מיט דעם וואס דער רבי זאגט אז צו אנקומען צום צדיק מוז עס קומען דורך מניעות, און דאס שיקט מען פארן מענטש כדי צו מאכן שטערקער די חשק, אזוי ווי דער רבי שרייבט אין ליקוטי מוהר"ן

וויאזוי זענט איר פון דארט אנגעקומען קיין היכל הקודש?

די מעשה איז געווען אז אין די ישיבה איז געווען א כיתה מכינה לישיבה - דאס איז די יאר וואס מען ווערט בר מצוה, פרייטאג פלעגט דער מלמד נישט קומען, איז געווען אויסגעשטעלט אז עטליכע בחורים פון ישיבה גדולה פלעגן אראפגיין צו די כיתה פון מכינה לישיבה און מען האט געדארפט געבן בחינות פאר די קינדער, ווי אויך פארציילן פאר זיי מעשיות פון צדיקים, און רעדן צו זיי עפעס לכבוד שבת

איין ערב שבת איז אויסגעקומען מיין רייע צו זיין דער מלמד, איך האב גערעדט צו זיי וועגן טרינקען קאווע פארן דאווענען, איך האב געוויסט צו זאגן אז אין ברסלב טרינקט מען נישט קיין קאווע פארן דאווענען אזוי ווי דער רבי ברענגט אין שיחות הר"ן. דארט אין יענע כיתה איז געווען א חשובער טייערער אינגל אפרים שמעון בלומענקראנץ יאיר ער איז דאן געווען צוועלף אהאלב יאר, נאכן געבן די שיעור קומט ער צו און פרעגט מיר "וואס האסטו מיט ברסלב?" האב איך געענטפערט אז איך קוק אמאל אריין אין ברסלב'ע ספרים, און איך זע דארט געוואלדיגע עצות און חיזוק. זאגט ער מיר אז ער איז שוין אויך א יאר צייט א ברסלב'ער, און ער פארציילט מיר אז ער לערנט גאר אסאך אויפן סדר דרך הלימוד פון הייליגן רבי'ן, ער האט אנגעהויבן רעדן צו מיר נאך אסאך זאכן וועגן ברסלב. ביים סוף האט ער מיר געזאגט: "אז דו ביסט שוין יא געקומען קיין ברסלב זאלסטו וויסן אז עס איז דא א כיתה אין ברסלב וואס הייסט 'היכל הקודש', וואס דאס איז עפעס גאר ספעציעל, פון וואס דו וועסט זיכער גאר שטארק הנאה האבן און שפירן דארט א געוואלדיגע סיפוק".

אזוי האט ער מיר אנגעהויבן פארציילן אז עס איז געווען א צדיק וואס האט געהייסן "מוהרא"ש", וואס ער איז מקורב געווארן ביי די זעכצן יאר דורך א ברסלב'ע ספר "משיבת נפש", דורך דעם האט מוהרא"ש אנגעהויבן זייער אסאך צו לערנען ספר "ליקוטי מוהר"ן" און "ליקוטי הלכות". אויך האט ער מיר פארציילט פון די התמדה וואס

אפשערן פון ר' משה שליט"א ביי הגה"צ רבי אשר פריינד זכותו יגן עלינו

מוהרא"ש האט געהאט, אז ער האט זיך נישט ארויסגערוקט פון זיין באלאטע ביז ער האט געענדיגט ח"י פרקים משניות, אויך האט ער זוכה געווען צו ענדיגן ש"ס הונדערט און איין מאל. שפעטער האט ער אויך אויפגעשטעלט תלמידים וואס לערנען מיט די זעלבע התמדה אויפן סדר דרך הלימוד פון הייליגן רבי'ן. ער האט מיר זייער אויפגעפלאמט מיין הארץ צו עבודת ה', עס האט מיר אנגעהויבן גליסטן צו זיך אנקלעבן אין היכל הקודש - א פלאץ ווי מ'ניצט אויס די צייט

שפעטער איז אויסגעקומען איינמאל אז איך בין געווען ביי מיין זיידע אין ביתר, איך האב באטראכט זיין ספרים שאנק, האב איך באמערקט אז ער האט עטליכע ברסלב'ע ספרים, ספר "שיחות הר"ן", אזוי אויך ספר "משיבת נפש". אויך האב איך באמערקט אינטער עטליכע ספרים ליגט א אלטע ספר מיטן נאמען "אשר בנחל", איך האב געזען אז עס האט עפעס מיט ברסלב, אזוי ווי איך האב דאך געוואלט זיין א ברסלב'ער האב איך גענומען רשות פון מיין זיידע צו בארגן דעם ספר פון אים. איך האב גענומען די ספרים אין ישיבה זייער באהאלטן אז מען זאל נישט באמערקן אז איך האב נאכאמאל אריינגעברענגט ברסלב'ע ספרים. וואס זאל איך דיר זאגן? עס האט מיר ממש אויפגעלעבט, יעדע בריוו האט מיר געגעבן פרישע חיזוק צו פאלגן דעם הייליגן רבי'ן און דורכדעם ווערן א ערליכער איד

וואס האט איר געטון אויף למעשה נאכדעם וואס איר זענט געוואויר געווארן פונעם סדר דרך הלימוד?

קודם האב איך אנגעהויבן צו לערנען א פרק משניות א טאג, מיט זיבן בלאט גמרא. נאכדעם האב איך צוגעלייגט א שיעור אין נ"ך. שפעטער האב איך געזען אז דער רבי האט מקפיד געווען מען זאל האבן א שיעור אין שולחן ערוך האב איך אנגעהויבן שולחן ערוך. שפעטער האב איך אנגעהויבן א שיעור אין תלמוד ירושלמי עטליכע דפים א טאג, אזוי איז עס געווארן אלעמאל מער און מער

למעשה האט דער משגיח אין ישיבה געזען אז א בחור האט אנגעהויבן זאגן גמרא און עס קען מאכן אז נאך בחורים זאלן אויך אנהייבן לערנען אויף דעם מהלך פון "זאגן", האבן זיי מיר געשריבן א בריוו אז אדער הער איך אויף צו לערנען אויפן דרך הלימוד אז נישט ווארפן זיי מיר ארויס פון ישיבה. בין איך געגאנגען צו דעם ראש ישיבה פון יענע ישיבה און איך האב אים געוויזן די בריוו וואס דער משגיח האט מיר געשריבן. האט ער מיר געפרעגט אויב איך קען עס אפשטופן אויף נאך מיין חתונה, און דאן אנהייבן לערנען אויפן דרך הלימוד, האב איך געענטפערט אז איך שפיר ממש אזא לעכטיגקייט אין דעם אז איך קען עס נישט אפשטופן אפילו אויף איין שעה. האט ער מיר געזאגט אז איך דארף פארשטיין אז אין

ישיבה איז דא א סדר, און דא אין ישיבה דארף איך לערנען וואס זיי פארלאנגען. בין איך דעמאלטס ארויס פון די ישיבה, און אריין לערנען אין א כולל, און דארט ווייטער ממשיך געווען מיט זאגן גמרא.

אזוי האב איך זיך ווייטער מחזק געווען יעדן טאג אין דעם רבי'נס עצות מיט אפרים שמעון נרו יאיר. איין טאג געדענק איך האט ער מיר אנגעהויבן צו פארציילן פונעם ראש ישיבה שליט"א, אז מוהרא"ש האט א תלמיד ער הייסט "דער ראש ישיבה שליט"א", ער האט א ישיבה אין וויליאמסבורג ווי ער זיצט מיט בחורים און ער איז זיי מחזק, ער זינגט מיט זיי. איך האב נישט פארשטאנען פארוואס ער רעדט צו מיר פון א ראש ישיבה, אין די צייט וואס איך בין שוין א אינגערמאן, וואס זוך איך א ראש ישיבה? האט ער מסביר געווען אז דער ראש ישיבה רעדט אויך אסאך צו אינגעלייט און געט הדרכה וויאזוי זיך צו פירן אין שטוב, וויאזוי מען דארף רעדן שיין און שטוב צו די ווייב און אזוי ווייטער. איך האב זיך זייער פארווינדערט ווי קומט צו א בחור'ל פון דרייצן יאר צו רעדן פון שלום בית. למעשה האב איך נישט געשפירט אז דער ראש ישיבה האט עפעס שייכות מיט מיר, ביזדערווייל איז מיר גוט איך האב דעם רבינ'ס עצות, איך לערן איך דאווען, איך לערן אסאך אשר בנחל פארוואס דארף איך א ראש ישיבה

אזוי איז דורך עטליכע וואכן איך זיך מיר אין בית המדרש קומט צו א בחור צו מיר און געבט מיר א קארטל פון ברסלב און זאגט מיר: "דא האסטו א קארטל מיט די האטליין נומבער, עס האט אין זיך שיעורים און קורצע חיזוק יומי פון דער ראש ישיבה". איך האב גענומען די קארטל, איך האב נישט געפלאנט צו הערן די שיעורים, אבער איך בין דאך פארט נישט קיין מתנגד אויף ברסלב, אז איינער מאכט הפצה נעמט מען עס, האב איך עס גענומען פון אים און איך האב עס אוועקגעלייגט אינדערהיים

ווען האט איר למעשה אפגעמאכט אז דער ראש ישיבה'ס דרשות איז יא פאר אייך?

ביי די צייט פון קאראנע בין איך געזעסן אינדערהיים פארשפארט איך האב נישט געהאט קיין כולל, דעמאלטס איז דער ראש ישיבה געווארן מער מפורסם דאהי אין ארץ ישראל, און מען האט אנגעהויבן צו דרוקן עצתו אמונה אידיש און לשון קודש, אויך האט מען מער אנגעזען די גליונות, אזוי איז מיר אויסגעקומען צו ליינען און הערן אסאך שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א

א האלבע יאר שפעטער - זומער תש"פ האב איך געפילט ביי מיר אז איך ניץ נישט אויס די טאג, איך לערן צו ווייניג, האב איך זייער געבעטן דעם אייבערשטן אז דער אייבערשטער זאל מיר אויפשיינען די אויגן איך זאל וויסן וואס איך האב צו טון. איך האב פונקט דאן געזען א בריוו פון מוהרא"ש אין אשר בנחל וואס מוהרא"ש שרייבט וועגן ענדיגן ש"ס הונדערט און איין מאל, און וועגן ענדיגן ש"ס יעדע חודש, אויך האב איך געזען א בריוו אין עצתו אמונה וועגן דעם, האב איך אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן אויף דעם אז איך זאל אויך האבן די זכי'

דער אייבערשטער האט מיר געהאלפן אז איך האב דעמאלט געזען א שיחה אין חיי מוהר"ן (סימן תקנ"ו) מען האט געזאגט פארן רבי'ן אז עס איז דא א געוויסער גדול וואס לערנט הונדערט און ניינצן בלאט גמרא א טאג, האט זיך דער רבי אנגערופן 'זה מעט', מע"ט איז בגימטריא הונדערט ניינצן. עס איז געווען פאר מיר א געוואלדיגע חידוש ווי איז נאך דא א רבי אין דער וועלט וואס הונדערט ניינצן בלאט גמרא הייסט ביי אים ווייניג, האב איך אפגעמאכט ביי מיר אז איך וויל מקיים זיין די שיחה בתמימות ובפשיטות, איך גיי לערנען אביסל מער פון 'אביסל', איך גיי לערנען הונדערט צוואנציג בלאט גמרא א טאג. אזוי האב איך ברוך השם געענדיגט די צווייטע מאל ש"ס זייער שנעל, און אזוי אויך די דריטע מאל

צוביסלעך האב איך אנגעהויבן לערנען שטערקער תלמוד ירושלמי, און מיט די צייט האב איך צוטיילט צו ענדיגן בבלי און ירושלמי יעדע חודש, און ברוך ה' אז איך פיר זיך שוין אזוי פאר עטליכע יאר צום גוטן

זייער אינטערעסאנט צו הערן אייער געשיכטע. וואס זאגן דיינע עלטערן צו דיין התקרבות און צו דיין געוואלדיגע חשקת התורה דורכן לערנען אויפן סדר דרך הלימוד פונעם הייליגן רבי'ן?

מיינע חשוב'ע עלטערן שיחיו האבן זייער מחשיב געווען מיין התקרבות אז איך ניץ אויס די צייט און איך לערן, זיי פרייען זיך יעדע מאל איך מאך א סיום, אזוי אויך יעדע ספר וואס איך האב געדארפט האט מיר מיין טאטע

איך האב נישט פארשטאנען פארוואס ער רעדט צו מיר פון א ראש ישיבה, אין די צייט וואס איך בין שוין א אינגערמאן, וואס זוך איך א ראש ישיבה?

געקויפט כדי איך זאל קענען ווייטער לערנען אומגעשטערט, למשל ביי אונז אינדערהיים איז נישט געווען קיין ירושלמי האט מיר מיין טאטע געקויפט א סעט ירושלמי, זיי האבן מיר זייער מחזק געווען איך זאל ווייטער אנגיין דערמיט, דאס איז מיר געווען גאר א שטארקע חיזוק

ווען האט איר צום ערשטן מאל געטראפן דעם ראש ישיבה פנים אל פנים?

איך געדענק ווען איך האב געטראפן די ערשטע מאל דעם ראש ישיבה שליט"א איז צו מיין שמחה נישט געווען קיין גרעניץ. עס איז געווען אין די טעג ארום ל"ג בעומר תשפ"א, איך האב געדאווענט שחרית ותיקין אינעם מערה צוזאמען מיטן ראש ישיבה. נאכן דאווענען האב איך אים געגעבן שלום עליכם, און אים באגלייט ביז זיין דירה. דאן האב איך געהאט די זכי' צו שמועסן מיט דער ראש ישיבה פאר א לענגערע ווייל, איך האב אים געפרעגט אלע מיינע שאלות און אויסגעשמועסט מיינע בלבולים וואס איך האב געהאט, דער ראש ישיבה האט מיר זייער מחזק געווען און געענטפערט אויף אלעס. ווען איך האב דערציילט פאר דער ראש ישיבה מיינע שיעורים האט דער ראש ישיבה ממש אויפגעלאכטן און ארויסגעוויזן קענטיגע הנאה פון מיינע לימודים, דאס האט מיר געגעבן א שטופ עס ווייטער אנצוהאלטן

אויב איר קענט ארויסברענגען וואס ס'האט אייך געכאפט אין היכל הקודש עפעס עקסטער?

מיך האט געכאפט זייער שטארק די תמימות פון אנשי שלומינו, ווי עס זיצן אינגעלייט און זאגן משניות, זאגן גמרא, און דאווענען מיט אזא פשטות, מיט אזא אויסנאמליכע תמימות. מען דערציילט מעשיות פון תפילה, מען רעדט צום אייבערשטן מען לעבט מיטן אייבערשטן, מען פאלגט וואס צדיקים זאגן אן קיין חכמות, דאס גלייך איך ספעציעל שטארק

וויפיל שעה פלעגט איר לערנען יעדן טאג פארן מקורב ווערן, און וויפיל שעה א טאג לערנט איר היינט?

אלס בחור פאר איך בין מקורב ווערן - ווען איך האב נאך נישט געהאט קיין שום דאגה - פלעג איך לערנען יעדן טאג גאנצע צוועלף שעה! היינט אז איך בין מקורב און איך האב ברוך השם חתונה געהאט, אזוי אויך האב איך ברוך השם לעכטיגע קינדערלעך וואס איך דארף מחנך זיין - וואס דער רבי לערנט אויס אז מען דארף שמועסן מיט א ווייב און פארברענגען מיט די קינדער - לערן איך נאר אכט שעה א טאג. די חילוק איז אז די צוועלף שעה אלס בחור האב איך נישט געהאט וואס צו לערנען, איך בין טאקע געזעצן אויפן פלאץ גאנצע צוועלף שעה און איך האב געמוזט פארשטיין יעדע זאך על בריו, איך האב געזוכט קשיות פון אונטער דער ערד. אבער אין די היינטיגע אכט שעה ניץ איך גוט אויס די צייט. עס האט בעצם נישט צו טון מיט וויפיל צייט מען לערנט, דער עיקר איז אויסניצן יעדע פינטל צייט וואס דו האסט

מוהרא"ש ברענגט אסאך מאל אין אשר בנחל דאס וואס מען האט געזאגט פאר רבי נתן אז דער הייליגער ש"ך האט געהאט השבעת הקולמוס וועגן דעם האט ער געקענט ארויסגעבן אזויפיל ספרים, האט רבי נתן געזאגט "איך האב נישט קיין השבעת הקולמות, איי ווערסטו פרעגן ווי אזוי איך האב זוכה געווען ארויסצוגעבן אזוי סאך ספרים? דאס איז ווייל איך האב זייער געהיטן די צייט". דאס איז די נקודה, היטן די צייט. דער רבי ברענגט אריין א מסודר'דיגקייט עס איז נישט דא אזא זאך ווי "וואס לערן איך יעצט?" אלץ האט מען וואס צו לערנען, אלץ האט מען וואס צו טון, דער רבי ברענגט אריין אזא ישוב הדעת אין א מענטש אז מען ווייסט פונקטליך וואס מען האט צו טון

למעשה זעט מען אז איר זיצט און לערנט מער שעות ווי א געוועהנליכער אינגערמאן, פון וואו האט איר באקומען אזא חשקת התורה צו לערנען מיט אזא התמדה?

איך האב אסאך געבעטן און געוויינט צום אייבערשטן אויף דעם, און בעצם האב איך שוין געלערנט מיט התמדה פון די פערצן יאר, איך האב געהאט שטארקע רצונות צו לערנען, אבער איך האב נישט געהאט די כלים וויאזוי דאס אויסצופירן, אבער ביים

דער וואס וויל אפשפעטן פונעם דרך הלימוד וועט אפלאכן אפילו נאכדעם וואס ער וועט מיר פארהערן און ער וועט קלאר זען צו וואס מען קומט צו דורך זאגן אסאך גמרא בתמימות ובפשיטות.

רבי'ן האב איך באקומען א וועג ווי אזוי עס אויסצופירן אויף למעשה, ווי אזוי צו ענדיגן כל התורה כולה אין א קורצע צייט

אויב מען מעג פרעגן מער באדייטענד וואס אייער שיעורים זענען און וויפיל צייט לערנט איר פון יעדע לימוד?

פאר איך הייב אן אויסצורעכענען דארף איך דאנקען דעם אייבערשטן פארן מיר געבן אן אויסנאם שנעלע חיתוך הדיבור וואס דאס ברענגט צו דעם אז איך זאל קענען אנקומען גאר אסאך. מיינע שיעורים זענען ווי פאלגנד: קודם כל בין איך מעביר סדרה יעדן טאג, נאכדעם לערן ח"י פרקים משניות - עס נעמט מיר בערך צוואנציג מינוט. נאכדעם לערן איך בי"ת נצחי, צווי פרקים נ"ך, איך זאג יעדן טאג תהלים, איך ענדיג ברוך ה' דריי מאל א וואך תהלים, גאנץ תהלים נעמט מיר בערך פערציג מינוט. נאכדעם לערן איך הונדערט בלאט גמרא פון תלמוד בבלי וואס נעמט מיר ארום דריי פיר שעה, נאכדעם לערן איך פון תלמוד ירושלמי צוויי און זיבעציג בלאט - עס נעמט מיר בערך א שעה אהאלב, אויך לערן איך יעדן טאג ליקוטי מוהר"ן וואס איך ענדיג יעדן חודש - עס נעמט מיר א טאג בערך א האלבע שעה, און דערנאך אסאך שולחן ערוך. נאכדעם האב איך א שיעור אין זוהר הקדוש און תיקונים, איך ענדיג ביז סוף וואך די פרשת השבוע. אזוי אויך מדרש רבה און מדרש תנחומא פון די וואך, ווען איך יאג אן לערן איך אויך טור. און ועל כולם לערן איך אסאך "אשר בנחל" און "עצתו אמונה"

וועלכע ספרים האט איר שוין אלס מסיים געווען?

שכח אייבערשטער אז איך האב שוין זוכה געווען צו מסיים זיין אסאך חלקי התורה, איך האב שוין געענדיגט משניות פופציג מאל, תלמוד בבלי פופציג מאל, תלמוד ירושלמי זעקס און פערציג מאל, תיקוני זוהר זיבן מאל,

ביים לערנען אויף די וועגן און שטעגן

שולחן ערוך - מחבר רמ"א דריי מאל, רמב"ם דריי מאל, ליקוטי מוהר"ן אכט און פערציג מאל, ליקוטי הלכות דריי מאל, עטליכע מאל אריבערגעאנגען די איבריגע ספרים פון רבי'ן

נאכן זאגן אזוי סאך מאל זעט איר א חילוק אינעם חלק פון פארשטיין וואס איר לערנט?

ברוך ה' אז ניין און ניינציג פראצענט פארשטיי איך שוין וואס איך לערן, קענסט מיר נישט כאפן אויפן ווארט אבער ברוך ה' אז וואס דער רבי זאגט איז קאי וקיימא און משה אמת ותורתו אמת. דער וואס וויל אפשפעטן פונעם דרך הלימוד וועט אפלאכן אפילו נאכדעם וואס ער וועט מיר פארהערן און ער וועט קלאר זען צו וואס מען קומט צו דורך זאגן אסאך גמרא בתמימות ובפשיטות, אזוי ווי שלמה המלך זאגט אין משלי 'אם חכמת חכמת לך, ואם לצת לבדך תשא' קיינער גייט גארנישט פארדינען אז א מענטש פלאגט דעם רבי'ן און זאגט א דף גמרא נאר דער מענטש אליין. עס איז א שאד זיך צו טענה'ן מיט מענטשן וועגן די דרך הלימוד, ווי מוהרא"ש ברענגט שוין אין די צוואה אז אויף יענע וועלט וועט זיך אויפוויזן די גערעכטיגקייט פון די דרך הלימוד

איר האט שוין געענדיגט כל התורה כולה?

טור האב איך נאכנישט אינגאנצן געענדיגט, אויך האב איך נאכנישט געענדיגט ספרי רמ"ק און כתבי אר"י

איז אמת אז איר קענט ש"ס בבלי און ירושלמי אויסעווייניג דורך און אדורך?

מען קען מיך נישט כאפן אויפן ווארט אבער רוב מאל ווען מענטשן פרעגן מיר שאלות ווייס איך ברוך ה', אויך האב איך די זכיה אז דער ראש ישיבה שליט"א קלינגט מיר פון צייט צו צייט פרעגן א מראי מקום פון א מאמר חז"ל

עס איז אנגעקומען צו מיינע אויערן אז איר זענט זיך מפלפל אין לערנען מיט


די סיומים ביים סוף פון די גמרות





הגאון רבי יהושע כהן שליט"א – א איד וואס קען אויסעווייניג ש"ס בבלי און ירושלמי מיט יעדע רש"י און תוספות מיט א חריפות, וואס קענט איר דערציילן איבער דעם, און בכלל וואס איז אייער שייכות מיטן גאון?

מיין שייכות מיטן גאון רבי יהושע כהן שליט"א גייט נאך צוריק ווען איך האב געוואלט אנהייבן צו לערנען ש"ס יעדע חודש, בין איך געגאנגען צו אים און געפרעגט וויפיל בלאט דארף איך לערנען א טאג צו קענען ענדיגן יעדע חודש ש"ס, האט ער מיר געזאגט אז עס איז א זאך וואס איז לכאורה נאר געמאכט פאר גדולי ישראל וואס קענען שוין כל התורה כולה און עס איז נישט געמאכט פאר מיר.

שפעטער אין יאר תשפ"ג איז מיר אויסגעקומען צו זיצן ביי זיינע שיעורים פאר א משך פון דריי חדשים ווי ער לערנט פָאר גמרא, און בשעת'ן שיעור ווען ער איז אנגעקומען צו א מימרא פון א תנא אדער אן אמורא פלעגט ער פרעגן ווי נאך עס ווערט דערמאנט אין ש"ס, אויף וועלכע דף און אויף וועלכע דריטל פון די עמוד! אויף געוויסע שאלות האב איך אים געענטפערט, ער איז ממש ארויס פון התפעלות פון מיר און ער האט זיך אנגערופן "עס איז א חידוש אז א אינגערמאן זאל קענען אזוי ש"ס פון פשוט זאגן גמרא"

אז דו האסט שוין געפרעגט וועגן מיין שייכות מיט הגאון רבי יהושע כהן שליט"א קען איך אויך צולייגן וואס איך האב געהאט מיט אן אנדערן באקאנטער גרויסער מקובל און אדמו"ר דאהי אין ירושלים עיה"ק, וואס האט מיר שוין עטליכע מאל געפרעגט א מראי מקום און איך האב ברוך ה' באוויזן צו ענטפערן. יעדן נאכמיטאג זיץ איך דארט אפאר שעה און איך לערן מיינע שיעורים. איינמאל איז געווען ווען איך האב געמאכט א סיום אויף בבלי און ירושלמי האט ער זיך זייער געפריידט און ער האט לכבוד די סיום געטרינקען א גלאז וויין.

אויף געוויסע שאלות האב איך אים געענטפערט, ער איז ממש ארויס פון התפעלות פון מיר און ער האט זיך אנגערופן: "עס איז א חידוש אז א אינגערמאן זאל קענען אזוי ש"ס פון פשוט זאגן גמרא".

אמאל בין איך געזיצן דארט תשעה באב נאכמיטאג און געלערנט אזוי ווי מוהרא"ש האט גע'פסק'נט אז תשעה באב נאכמיטאג נאך מנחה מעג מען לערנען, מוצאי תשעה באב האב איך געמאכט א סיום און מענטשן האבן געהאט טענות היתכן איך לערן תשעה באב עס איז קעגן די הלכה, האט דער מקובל זיך אנגערופן אז משה גראס איז להיט אחר התורה, ווייל עס שטייט אין ירושלמי אז א מענטש וואס איז להיט אחר התורה מעג לערנען אפילו בימי אבלות

אויך האב איך שוין געהאט אפאר מאל אז אידן זענען געקומען צו אים אז זיי דארפן ישועות האט ער מיר אריינגערופן און מיר געגעבן די נעמען מתפלל צו זיין פאר זיי, און אויך געבעטן אז איך זאל זאגן פאר זיי יעדן טאג ח"י פרקים משניות. פאר זיי האט ער געזאגט אז זיי זאלן מיר באצאלן דערפאר. איבריג צו זאגן אז זיי האבן געהאט א ישועה. איז שוין געווארן אז מענטשן קומען צו אז איך זאל זיי אויך אונזין האבן, אבער דער אמת איז אז עס האט באמת גארנישט ספעציעל מיט מיר, יעדער איינער וואס זאגט ח"י פרקים משניות קען דאס אויך טון, נאר די אידן וואס זענען געקומען זיך מזכיר זיין פארן מקובל זענען געווען עלטערע מענטשן, זיי קענסטו נישט פאדערן אז זיי זאלן אנהייבן זאגן משניות, האט ער מיר געבעטן אז איך זאל עס טון, אבער באמת קען עס יעדער טון

נאך א מעשה האב איך געהאט אז אמאל האט ער נאכגעזאגט ביי א שיעור א מימרא פון ירושלמי, האב איך זיך אנגערופן צו אים אז פון וואס איך געדענק געפונט זיך נישט אזא ירושלמי. ער האט געגעבן אזא טרייסל. נאכדעם האט ער זיך אנגערופן צו מיר אז איך זאל אים ברענגען א ריטב"א אויף מסכת סוכה, דער ריטב"א אין דף כ"ח ברענגט נאך די ירושלמי, למעשה האט זיך אויסגעשטעלט אז די גירסא וואס מיר האבן היינט איז טאקע נישט דא אזא ירושלמי, אבער דער ריטב"א האט געהאט אזא גירסא פון ירושלמי.

איר לערנט אויך די גמרא מיט רש"י און תוספות?

בדרך כלל נישט, אבער מוהרא"ש זאגט שוין אז אויב א מענטש זאגט אסאך גמרא, פון זיך אליין קומט ער שוין אן צו רש"י תוספות. מיין סדר איז ווען איך לערן א רש"י צו א תוספות געב איך עס א פארב אן, אזוי ווייס איך אז די רש"י האב איך שוין געלערנט. אזוי אגב'דיג האב איך שוין ברוך ה' געענדיגט רש"י פון גאנץ ש"ס און אויך כמעט גאנץ תוספות

אקטועלע בילד פון א תלמיד במוסדותינו הק׳ ביים מתפלל זיין פאר די פאריגע געווינער ביים ציון פון ר׳ מאיר בעל הנס

ס'נישט קיין סוד:

ביי רבי מאיר פועל'ט מען.

מיט אייער מינימאלע נדבה פאר מוסדותינו הק' על טהרת הקודש, גייט איר אריין אינעם חודש'ליכן גורל צו געווינען אז די תשב"ר וועלן ארויפגיין צום ציון הק' פון רבי מאיר בעל הנס זיע"א ערב שבת קודש זאגן שיר השירים און מתפלל זיין לזכותך.

רופט אריין די גבאים מיט אייער שטיצע: 347.466.2410

מוסדות היכל הקודש בארץ הקודש

אלקא דמאיר ענני

domino group | 718.207.8863

זייער שיין צו הערן פון אייער התמדת התורה, אבער למעשה האט דאך דער רבי געזאגט מען זאל שמועסן מיט מענטשן, דאס זענט איר אויך מקיים?

איך גיי געווענליך נישט צו שמועסן מיט מענטשן חוץ ווען איך זע אויף א אינגערמאן צו א בחור אז ער קען ניצן אביסל ווארימע ווערטער פונעם הייליגן רבי'ן, אבער כסדר זעצן זיך אראפ מענטשן נעבן מיר און איך רעד מיט זיי פונעם רבי'ן

למעשה גערעדט, ווי אזוי האט איר געדולד און נערוון צו לערנען אזוי סאך?

לאמיר דיר זאגן; מיין נישט אז איך בין געבוירן געווארן מיט אזא געדולד, אלס אינגער בחור בין איך געווען זייער א ווילדער קינד, מיינע מלמדים אין כיתה ט' פלעגן מיר ממש יעדן טאג ארויסווארפן פון כיתה, אין ישיבה קטנה ווען מען האט געדארפט אז איינער זאל אינטערצינדען א פייער אין ישיבה האט מען מיר גערופן, אויך ביי יעדע הפגנה פלעג איך פארברענען די ציון'סטישע פאן. איינמאל האב איך גערופן פאליציי אז עס איז דא א פארדעכטיגט פעקל אונטער א קאר וואס זעט אויס ווי א באמבע - וואס איך האב אליין אונטער געלייגט - זענען געקומען צו פליען א גאנצע מחנה פאליציאנטן און מען האט אפגעשפארט די גאס..

איך האב געמאכט פרייליך ווי איך האב געקענט, איך פלעג ווילדעווען מען האט זיך נישט געקענט קיין עצה געבן מיט מיר. איך פלעג נישט אופשטיין אינדערפרי, ווייל איך האב נישט געהאלטן ביים לערנען, אבער איך האב אסאך געבעטן דעם אייבערשטן און געוויינט צום אייבערשטן אז איך זאל יא האבן א ווילן צו לערנען, ביז איך האב צוביסלעך אנגעהויבן צו לערנען א האלבע שעה א טאג, דערנאך א שעה א טאג, ביז שפעטער האב איך שוין געלערנט צוועלף שעה א טאג ווי פריער ערוועגנט

אנפאנג איז עס מיר געווען זייער שווער, אבער היינט איז עס מיר שוין גרינגער ווייל דער הייליגער רבי רבי אלימלך זי"ע זאגט אז הרגל נעשה טבע, מען דארף אבער זייער בעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל באקומען געדולד, דער רבי האט דאך געזאגט פאר רבי נתן אז ווען די תורה וועט דיר ווייזן איר פנים וועסטו שוין גארנישט דארפן, עס איז ממש אזוי, די תורה איז אזוי זיס אזוי לעכטיג איך דארף שוין גארנישט

איך קען דיר אבער געבן אפאר עצות וואס איך טו צו קענען בלייבן לערנען, איינס פון די זאכן וואס איך טו איז אז איך טויש כסדר די לימודים, פון חומש צו משניות, און דערנאך צו גמרא. אויך זיץ איך נישט אויף איין פלאץ צו א לאנגע צייט, איך הייב אן צופרי אין בית המדרש היכל הקודש ווען איך טראג מיין אינגל אין חדר, און ווען דער בית המדרש ווערט פארוואנדעלט אין א ישיבה גיי איך לערנען אין סאטמאר בית המדרש ווי איך דאווען שחרית, נאכמיטאג לערן איך אין בית המדרש תורת חכם ביז ביינאכט, און ווען איך ווער צומאל אויסגעמוטשעט כאפ איך א מקוה

וואס טוט איר פאר הפצה אז אנדערע מענטשן זאלן אויך האבן א גוטע לעבן און וויסן פון די גוטע עצות?

יעדע שבת אינדערפרי גיי איך ארום אין בתי מדרשים לענגאויס ירושלים און איך לייג אראפ גליונות, אויך האב איך עטליכע אינגעלייט וואס איך ברענג זיי יעדע וואך די וועכענטליכע גליונות. אזוי אויך ווען עס קומט ארויס א פרישע ספר פון מוהרא"ש אדער פון דער ראש ישיבה קויף איך פינף צען שטיק און איך בין זיי מפיץ. מענטשן ווייסן שוין אז ביי מיר קען מען באקומען אלע ספרים פון מוהרא"ש און פון דער ראש ישיבה פאר זייער ביליג, מען קומט צו מיר בעטן און איך בין זיי מפיץ.

פארשטייט זיך אז מענטשן זעען מיר לערנען הייבן זיי אויך אן לערנען, למשל עס איז דא א איד וואס איז געווען ביי מוהרא"ש מיט פערציג יאר צוריק און ער האט דאן געענדיגט עטליכע מאל ש"ס, אבער דורכאויס די לעצטע פערציג יאר האט ער נישט ווייטער ממשיך געווען מיט דעם וועג, ווען ער האט געזען ווי איך זיץ און לערן ש"ס האט ער אויך אנגעהויבן לערנען ש"ס און ער האט ברוך השם עטליכע וואכן צוריק געמאכט א סיום הש"ס

איינמאל האב איך גערופן פאליציי אז עס איז דא א פארדעכטיגט פעקל אונטער א קאר וואס זעט אויס ווי א באמבע - וואס איך האב אליין אונטער געלייגט - זענען געקומען צו פליען א גאנצע מחנה פאליציאנטן און מען האט אפגעשפארט די גאס...

ביים מפלפל זיין אין לערנען מיט הגאון רבי יהושע כהן שליט"א

כסדר קומען צו מיר בחורים אין אינגעלייט און זאגן מיר אז זיי האבן אויך אנגעהויבן זאגן ש"ס ווייל זיי האבן געזען ווי איך לערן, עס איז מיר א געוואלדיגע זכי' אז איך קען טון פאר הפצה

(אויך דער שרייבער פון די שירות פון ווען ער האט א אפגעהאלטן דעם שמועס מיט הרה"ג ר' משה האט ער אויך באקומען א געוואלדיגע חשקות התורה און אויך אנגעהויבן לערנען מער פלייסיגער.)

צום שלוס, וואס וואלט איר געוואלט זאגן פאר די חשובע לייענער מען זאל זיך ארויסנעמען פונעם באלערנדען ארטיקל?

יעדער איינער דארף וויסן אז מען קען זוכה זיין צו זייער שיינע זאכן אז מען דערהאלט זיך אין היכל הקודש, אבער מען דארף געדענקען נישט נאכמאכן קיינעם, איך לערן לויט מיין בחינה איך ניץ אויס די צייט ווי עס שיינט מיר, עס איז נישט שייך צו זאגן פאר א צווייטן מאך נאך דעם איד, נאר יעדער זאל לערנען וויאזוי עס שיינט אים, יעדער איינער זאל זיין שטארק און זיינע שיעורים, דער עיקר איז אויסניצן די צייט, ווייל דער גרעסטער שונא פון א מענטש איז צייט! מען דארף אריינכאפן אין די צייט וואס מען האט ווי מער

אן אינטערעסאנטע זאך איז צו באמערקן אז ווי מער שיעורים מען לערנט טרעפט מען מער צייט איבערן טאג, מוהרא"ש האט דאך געזאגט אז מען קען אנזען ווער עס איז א תלמיד היכל הקודש דער וואס גייט אלס ארום מיט א משניות, ארויסכאפן א פרק משניות א דף גמרא, ווייל נאר דאס געבט א אמת'ע סיפוק פאר א מענטש

א גרויסן שכח פארן וועקגעבן פון אייער גאר טייערע צייט, און זיין גרייט צו ענטפערן און איבערגעבן אייער פערזענליכע סיפור התקרבות און התמדת התורה וואס דאס וועט זיכער ברענגען אז נאך אידן זאלן זיך אפלערנען און אנהייבן מיט א פרישקייט אויסניצן די צייט און אנהייבן לערנען די הייליגע תורה יעדער איינער אויף זיין וועג. דער אייבערשטער זאל אייך ווייטער געבן כח און מוח אנצוגיין מיט דעם ביזן לעצטן טאג פון אייער לעבן.

א פרייליכן יום טוב. ■

בס"ד

We accept most insurance plans

You shouldn't waste an hour on a simple test

Get the care you need in your own home.

SERVICING ENTIRE BROOKLYN AREA

OUR AT HOME SERVICES :

PRESCRIPTIONS. STREP CULTURES.
FLU & COVID/RSV TESTING.
URINE CULTURES. EAR EXAMINATIONS.

Now servicing the upstate area, Liberty and Bloomingburg

Medease
CARE AT HOME

718.208.2030
Info@medeasecare.com
medeasecare.com

Mon-Thurs: 3:30pm-10pm | Sunday: 12:00pm - 6:00pm

admarkny.com

פאר די
ברסלב'ע
שטוב

פון וואו קוועלט אזויפיל וואסער?

וואו איז די ווייבער שול?

גראמען: אין בית המדרש מען גייט, די פלאץ פון שמחות אין יעדע צייט.

געשמאקע רעסעפיס לכבוד יו"ט שבועות

קרית ברסלב בלעטל
ווינטשט אלע חשובע משפחות

א פרייליכן שבועות

ש.ל. פליישמאן

שיינע אין גראמען

ב' בהר תשפ"ד

לא תונו איש את עמיתו

לא תונו איש את עמיתו
א לאו פארהאנען,
זאלסט נישט דערמאנען.
פארן בעל תשובה אדער גר,
וואס געווען ביז אהער...

א מויל וואס האט באני רעביט (ארנבת - הארזאלע) פלייש געשלינגען...
טוט יעצט תורה ווערטער זינגען...

אויך פאר דיין פריינט,
וואס איז בעסער היינט.
אבער אין די פארגאנגענהייט,
געווען גוט פארדרייט.

זאג נישט היינט מאכסטו זיך אזוי וואויל,
כ'געדענק נאך דיין תערובות גריל - א גרויל.
חס ושלום! זאגט אונז די תורה,
דערמאן נישט יענעמ'ס אלטע סחורה.
רעד נישט פון זיין פריערדיגע סביבה,
ער האט דאך שוין געטון תשובה!

מתחילה
זאגן מיר פסח אין די הגדה.
אלע אידישע קינדער - די גאנצע עדה,
"תרח" איז אונזער אלעמענ'ס זיידע...

ועכשיו קרבנו לפני המקום...
בני גרים - מיר האבן תשובה געטון,
געווארן דעם אייבערשטנ'ס זוהן!
יעדער איד - סטראקעס אדער ספאדיק,
קען תשובה טון און ווערן א צדיק...

לא תונו איש את עמיתו
דערמאנט היינט דער ראש ישיבה:
דער אייבערשטערווארט אויף אונזער תשובה.
פשוט, אונזער מויל געבן אן עפן,
אינעם אייבערשטנ'ס שויס זיך צוריק טרעפן.

וואס זענען די פארבארגענע געהיימעניסן,
וואס דער זוהר הקדוש לאזט אונז וויסן?
אז דער אייבערשטער איז פון יעדע מצווה פארגאפט,
און האט צו אונז א גרעניצלאזע ליבשאפט!

דער ס"מ האט דאך פיינט א איד,
זינגט ער אין אים א קלאפן ליד:
"פלוצלונג מצוות דו טוסט,
האסט שוין פארגעסן ווער דו ביסט...
קוים נעכטן געווען אין די מיסט...
דעם אייבערשטן דו פארדריסט..."
ווייל ער קען אונז נישט פארגינען,
מיר זאלן זיך ביים טאטן גוט געפונען...

ווען דער יצר הרע דיר דערמאנט,
עבירות פון יארן, נעכטן און היינט...
פארן באשעפער דיין הארץ אויס קרעכץ:
"**פון יעצט** וויל איך מער נישט שלעכטס!"

"איך וועל זיך מער נישט רעגן און שרייען,
באשעפער, מוחל? טו מיר פארציייען...
איך וועל שוין זיין איידל און סאליד,
באשעפער איך וויל זיין אן ערליכער איד..."
אויבן אין הימל א שמחה ווערט,
א קינד צום טאטן צוריקגעקערט...

פאר די ברסלב'ע שטוב

מ. פאפנהיים

וואו איז די ווייבער שול?

"מאמי??? וואו איז טאטי??? די ערשטע סקונדע כאפ איך אפילו נישט אויף די שאלה אינמיטן דעם געפילדער פון צוגרייטן אלע קינדער צו גיין אין חדר אין סקול, אבער שרה'לע לאזט נישט נאך - מאמי!!! וואו איז טאטי געגאנגען?"

"טאטי איז געגאנגען דאווענען שעפעלע, יעצט קום זיך שנעל אנטון די שיכעלער, און דו וועסט קענען גיין עסן".

דער אלצווייסער שלמה'לע לייגט צו, "דו ווייסט שרה'לע? א טאטע גייט יעדן אינדערפרי אין מקוה און נאכדעם גייט ער דאווענען".

"אמת צדיק. און אויך דו פון דיין בר מצוה וועסטו אויך קענען גיין יעדן טאג אין מקוה, און גיין דאווענען. נעמט אייערע טעשלעך קינדערלעך, א גוטן טאג!"

אין הויז ווערט שטיל, איך פאל אריין אין נאנטסטן בענקל, איך מעג זיך פילן אויסגעמוטשעט נאך א פולן אינדערפרי, אמת? א קנאה געפיל כאפט זיך מיר אריין, האסט געזען די מענער? זיי שטייען אויף אינדערפרי, כאפן א ווארעמע מקוה

און גייען דאווענען, מען דעקט זיך איבער מיטן טלית און... יעצט איז גארנישט דא קיין דאגות נאר רעדן צום באשעפער. און איך שטיי און הארעווע, לויף פון איינעם צום צווייטן, און דאס איז נאך בכלל פארן אנהייבן דעם טאג.

אבער א שטילער קול זאגט מיר עס איז גארנישט אזוי פשוט יעדן טאג צו גיין דאווענען, דו זעסט דאך אליין וויפל דער ראש ישיבה שליט"א איז מחזק אויף דעם, וויפל שיעורים און וויפל בריוון, עס מוז זיין אז עס איז זייער א שווערע זאך.

אבער דאך, יעצט בין איך אזוי אויסגעמוטשעט נאר פון א פשוט'ן צופרי, איך וואלט יעצט געוואלט שטיין אין שול, זיך איבערדעקן מיט א טלית, און שווין... נישט דארף לויפן פון די פלעשלעך צו די ווינדלן, און צו די עסן און צו די וועש.

איך רעד שווין נישט פון מנחה אינמיטן טאג, יא, אינמיטן דעם נאכמיטאג ווען די קליינע וויינען און די גרויסע קריגן זיך, פון די טעפ רינט איבער און די וועש האלט אין ערגעץ נישט, מנחה!!! לאמיר אלעס אפלאזן, אלעס לאזן פליען און לויפן כאפן א מנחה! א מחי'! ממש מעין עלום הבא!!!

אפגערעדט ווען עס קומט אן יום טוב, אפילו נאר אזא יום טוב ווי שבועות, וואס מען דארף נישט צופיל הארעווען אויף די הכנות, נאר א טשיז קעיק, און שוין. איך האב אינזין די עסן און קליידער אויף יום טוב, און למעשה... נאכן אפעסן א גוטע סעודה לויפן די מענער אין שול, זיי זענען אויף א גאנצע נאכט... א גאנץ יאר רעדט מען פון די נאכט וואס זיי שלאפן נישט, און איך שלאף נישט א גאנץ יאר, ווער טראכט בכלל פון דעם???

ווייסט וואס? היינט וועל איך יא דאווענען, איך גיי נעמען א סידור און פארגעסן פון די גאנצע וועלט... אבער איך גיי זאגן אלעס! נישט נאר ברכות און קריאת שמע, איך הייב אן מיט תפילה קודם התפילה, און איך שטעל זיך אוועק נאכדעם צו די ברכות, מיט א ברען אויפן קול:

הנותן לשכוי בינה...

שלא עשני גוי...

שלא עשני עבד...

שעשני כרצונו...

אין מינוט... איין מינוט... שעשני כרצונו, הייליגער באשעפער! דו האסט מיר באשאפן אזוי ווי דו ווילסט אז איך זאל זיין!!!

יא! דו דארפסט נישט איך זאל לייגן תפילין יעדן טאג, דו דארפסט נישט איך זאל זיך איבערדעקן מיט א טלית און פראבירן צו פארגעסן פון די גאנצע וועלט, דו דארפסט נישט איך זאל אלעס לאזן פליען אינמיטן טאג און לויפן כאפן א מנחה, דו ווילסט איך זאל זיין אזוי ווי איך בין... איך זאל טראכטן פון עסן א גאנצן טאג, צושטעלן לכבוד יום טוב גוטע טשיז קעיק און פיינע פלייש... דו ווילסט איך זאל ערלעדיגן אז אלע זאלן האבן צו אנטון גוטע קליידער און ריינע וועש, דו ווילסט אז איך זאל געבן פאר מיין מאן אלעס וואס ער דארף, איך זאל אויפברענגען מיינע קינדער זיי זאלן וואקסן פרייליך און געזונט.

הייליגער באשעפער! שבועות האסטו אונז געגעבן א הימלישע מתנה, די הייליגע תורה! כדי צו קונה זיין די הייליגע תורה דארף מען צוקומען צו מיינע גשמיות. אז איך שטיי אויף אינדערפרי און גיס אפ מיינע קינדערלעך די הענטעלעך, איך לויף פון די וועש צו די האר און צו אויפזוכן די שיך - קענען זיי גיין אין חדר לערנען די הייליגע תורה! אז איך גרייט אן גוטע עסן, און ווארט אפ מיין מאן מיט א פרייליכן פנים, האט ער די כוחות צו גיין דאווענען דריי מאל א טאג, און עס געבט אים א קלארן מח ער זאל נאך אויך אפילו ארויסכאפן א שטיקל גמרא אינמיטן די ארבעט...

א גאנץ יאר רעדט מען פון די נאכט וואס זיי שלאפן נישט, און איך שלאף נישט א גאנץ יאר, ווער טראכט בכלל פון דעם???

איך דארף נישט פליען אין הימל, איך דארף נישט טון קיין גרויסע עבודות, מיין פשוטע טאג טעגליכע פליכטן איז "מיין" הייליגע תורה!

הייליגער באשעפער! העלף מיר איך זאל זיין צופרידן מיט מיין הייליגע ארבעט! העלף מיר איך זאל זען די שיינקייט דווקא אין די גשמיות'דיגע הכנות וואס איך טו, און העלף אז איך און אלע מיינע דורות זאלן קיינמאל נישט אפלאזן די זיסע תורה'דיגע וועג.

ל. וועבערמאן

וואס הייסט
סוקסעס?!

היינט איז די טאג! נעכטן זונטאג איז די גיסטע נאך געווען אזוי מיד, נישט אזוי אין די כלים. פאר נאכטמאל האט מען געגעבן שבת שיריים און שוין. אבער היינט מאנטאג איז גוט, עס איז די אויסדערוועלטע צייט צו פארוואנדלען די נאכטמאל פאר א סיום!

אלע קינדער ווייסן אז ווען טאטי ענדיגט לערנען א מסכתא אין גמרא, קען מען זיך שוין רייבן די הענט פון ערווארטונג, עס איז ווערד צו זיין פריילין.

אין מיין קאפ האב איך שוין אן אויסגעפלאנטע מעניו וואס מען גייט סערווירן ביי די סיום. איך זע אלעמאל בילדער אין די רעספי׳ בוקס, וואס די מויל ווערט וואסעריג נאר פון דורכבלעטערן. אין מיין דמיון טראכט איך אסאך מאל "ווען וועל איך זיין די געלונגענע קעכערין?". היינטו ועט עס פארקומען אין ריאליטעט! עס וועט ווערן פרעזענטירט אין די שיינע דישעס סעט, מיט צוגעפאסטע גאלדענע סערוועטלער.

באמת קומט זיך עס טאקע פאר מיין מאן, ער לערנט אזוי פלייסיג. ווער נאך אויסער איך, קען דען זען אז ער טוט עס אינגאנצן פארן אייבערשטן? אסאך מאל ווען עס קומט אזעלכע אומ׳מסודר׳דיגע טעג נעמט ער זיך צאם צו ענדיגן זיינע



שיעורים. שכח אייבערשטער פאר דעם.

וואס דען האב איך ארויסגעקוקט און געהאפט און געבעטן פאר איך האב באקומען מיין חתן, נאר אז איך זאל האבן א מאן וואס זאל ליב האבן צו לערנען און דאווענען, דער אייבערשטער העלפט, איך זע ווי מיינע תפילות זענען נישט פארפאלן געגאנגען.

יעדע מאל ער זיצט אין דיינינג רום ביים טיש ארומגענומען מיט piles ספרים, בלאזט עס אריין אין מיר פרישע כוחות. ווער רעדט נאך ווען עס קומט צו מסיים זיין א ספר אדער מסכתא, דעמאלט איז עס א שמחה אין די משפחה, און איך פריי זיך צו האבן א געלעגנהייט ארויסצואווייזן מיינע הרגשים!

* * *

ברוך השם אלע קינדער זענען שוין ארויף אויף די באסעס צו חדר און סקול... אן עקסטערע דאנק פארן אייבערשטן אז יעדער פילט גוט, און קיינער דארף נישט בלייבן אינדערהיים.

יעצט הייבט זיך אן די הכנות! איך מיש אויף די רעסעפי בוק צו די בלעטער וואו איך האב זיך אנגעצייכנט פון פאראויס, איך קלויב צאם אלע באשטאנדטיילן, בקיצור, אין קאך זעט זיך שוין אן אז עס טוט זיך עפעס. די קאך מאשינען דרייען, די מוזיק שפילט מיט, און ברוך השם די ארבעט פארט א מחי'!

צוביסלעך הייבט שוין אן שמעקן גוטע געקאכטע גרינצייג און איך האלט שוין ביים צאמשטעלן די גאנצע געביידע, מיט די פלייש ארייגעלייגט אין די פיטא אזוי אז עס זאל שיין צייגן. א בליק אויפן זייגער - אוי! די צייט איז מיר אנטלאפן פון אונטער די הענט, איך דארף שוין לויפן צו די באסעס. מען וועט שוין מוזן אריינברענגען די קינדער אין די ארבעט צו קענען צאמנעמען די גאנצע באלאגאן וואס טוט זיך דא. וואספארא טעם האט אן עלעגאנטע סיום אין א איבערגעדרייטע הויז?



ברוך השם דר'עולם איז דא. עס הערט זיך א געמיש פון אלע מיני קולות - פריילעכע און אויך פארקערטע, ווייל נישט אלע פון די קליינע קינדער זענען מסכים אז זייער טייערע מאמע זאל יעצט זיין פאריאגט און פארנומען. איך ווארף אריין תפילות דא און דארט די קינדער זאלן זיין רואיג, און אלעס זאל זיך אויסארבעטן, זיי זאלן מיר לאזן צוענדיגן די לעצטע הכנות.

שכח אייבערשטער מיט תפילה האלטן מיר שוין ביים לעצטן שטאפל, די קינדער העלפן ארויפלייגן די שיינע טישטוך מיט די עסצייג, און אפילו מזל טוב באלאנען אויף יעדע בענקל.

איך דארף נאר וויסן ווען מיין מאן קומט אן, כדי צו קענען אנווארעמען די עסן עס זאל זיין גרייט. די צייט וואס ער דארף אהיימקומען ווערט שוין אביסל פארשלעפט, די קינדער ווערן אומגעדולדיג און הונגעריג, ווילאנג קענען זיי זען א גרייטע טיש און עס לאזן גאנץ?

איך פראביר מאכן א חשבון אז איך מיין איך קען שוין אנווארעמען די פארשפייז, ווייל ער האט געזאגט ער קומט 'שוין'. איך גיי פון די אויוון צום טיש און אהער און אהין, מאכן זיכער אלעס קלאפט, די עסן זאל זיין ווארעם אבער נישט פארברענט, און אויך די קינדער זאלן זיך האלטן אביסל רואיג. איך וויל מיין מאן זאל כאטש זען די טעלערס שיין אנגעגרייט, נישט ער זאל אנקומען צו א אנגעווארפענע טיש מיט אויסגעליידיגטע טעלערס.

למעשה מיין מאן קומט אן, ער אנטשולדיגט זיך אז עס האט זיך געמאכט טויזנט זאכן פונקט יעצט. למעשה איז שוין געווארן נאנט צו מנחה, ער נעמט נאר אפ מיין זון צו גיין דאווענען און ער קומט גלייך צוריק, ער ווארט דאך שוין איך אויף די סיום, עס איז פאר אים די היוכפונקט ווען מען פריידט זיך די גאנצע משפחה צוזאמען.

דערווייל זע איך אז איך מוז שוין פיטערן די קלענערע, עס איז שוין צו שפעט צו ווארטן. איך האלט נאך די טיש אביסל צאמגענומען ביז מיין מאן קומט אן.

איך פראביר מיין שמחה זאל אנהאלטן, עס זאל נישט ווערן צושטערט פון די גאנצע פארשלעפטע געשעעניש, ווייל איך ווייס אז דער יצר הרע גלייכט בכלל נישט אזעלכע פריילעכע מאמענטן.

פאר מיר שפירט זיך שוין גאנץ אנגעשטרענגט, די קינדער ווערן שוין מיד און צולאזט, די עסן וואס איך וויל עס זאל גלייך זיין ווארעם ווען מיין מאן קומט אן - ווערט שוין צו טרוקן, מוז איך עס ארויסנעמען פון אויוון - ווערט עס שוין אויסגעקילט. קומט אויס אז עס איז נישט ווייך און כמעט נישט ווארעם.

פלוצלונג אהה! א קלאפ אויפן טיר, מיין אינגל איז דא צוריק פון מנחה, מען וועט ענדליך פראווען די סעודה און שוין! אבער איין מינוט "וואו איז טאטי?" פרעג איך מיין אינגל.

איך בין באמת נישט געווען געגרישט אויף אזא קראך, אבער דאס איז געווען די מציאות, ווען די באלאן איז געווען אזוי שיין גרויס מיט אויסגעשפרייטע

באקן האט עס פאסירט, די אומשולדיגע תירוץ האט פארוואנדלט די באלאן אין קליינע אומנוצבארע שטיקלעך, מיין אינגל ענטפערט מיט תמימות "טאטי איז געגאנגען צו א הצלה קאל!"

איך האב געמיינט איך געב אויף, איך האב נישט קיין כח, וואס פונקט דארף איך יעצט טראכטן? איך ווייס נישט, איך קען נישט, פארוואס פונקט ער...

דאס אלעס איז וואס קומט נאר ארויף די ערשטע סקונדע, אבער גלייך הייבט מען אן ארויסצונעמען פון די טאשן אלע צאמגעקליבענע שיעורים פון דער ראש ישיבה. אז מען הערט עס שוין אזוי פיל מאל איז נישט אזוי שווער זיך צו דערמאנען.

קודם איז זיכער אז ס'איז גוט אזוי ווייל "אלעס וואס דער אייבערשטער טוט איז זיכער גוט".

איך בין ברוך השם גוט אנגעפילט מיט שיעורים, יעדע וואך מאך איך זיך די צייט ארויסצוגיין צו די פרויען צאמקום, איך הער זיך צו צו יעדע ווארט, איך לייג עס גוט אוועק, טאקע פאר אזעלכע מצבים ווי יעצט. איך געב זיך א וועק אויף, איך דערמאן זיך טאקע פון די שיעורים אז איך דארף דאנקען אז מיינע אלע קינדער זענען אינדערהיים און זענען געזונט. צופיל צייט האב איך נישט צו טראכטן, נאר איך דארף דא ענדיגן אנפיטערן יעדן איינעם, און מאכן גרייט צום שלאפן. די קינדער ווייסן נישט פון קיין מעשיות, יעדער פארלאנגט זייערע זאכן און אויפמערקזאמקייט.

ביז איך דערזעה יעדעם אין בעט דארף איך שוין כמעט לויפן צו די וועכנטליכע צאמקום, כאטש זאל איך באקומען ווייטערדיגע חיזוק, עס זאל ווערן אריינגעבלאזן אין מיר מוט און כח ווייטער צו טון גוטע זאכן.

די טיש האט מער נישט קיין צורה פון א סיום, מיין מאן איז אנגעקומען אינדערהיים פונקט אין צייט מיר צו קענען טראגן מיט די קאר צו די צאמקום. האב איך געהאט ממש אפאר מינוט צו הערן וואס די הצלה קאל איז געווען, עס איז געווען נעבעך א מיטליעריגער מאן, א איד וואס האט פארלוירן זיין אטעם לא עלינו, ער ראנגלט זיך נעבעך צו דערהאלטן זיין לעבן. איך האב אנגעהויבן אויסצורעכענען אלע קינדער פון מיין משפחה און געדאנקט אז זיי זענען געזונט און יעדער פון זיי קען אטעמען, מוחל אלעס וואס איז יא אדער נישט געלונגען, און איך הייב אן פון יעצט צו זיין מורא'דיג פריילינך מיט אלעס וואס פאסירט מיט מיר.

"דאס איז א מופת" אז דער ראש ישיבה האט געקענט מאכן איך זאל זיין מורא'דיג פריילינך מיט דעם וואס מיין מאן טוט אזא הייליגע מצוה פון לויפן ראטעווען מענטשן. נאכן אוועקגעבן מיין אויסגעווארטעטע געשמאקע צייט פאר די וויכטיגע צוועק האב איך געשפירט אזוי צופרידן מיט די זכי' צו טון וואס איז ריכטיג.

איך האב זיך יעצט געכאפט וואס דער רבי האט געמאכט פון מיר, דער רבי האט גענומען א פשוטע מענטש וואס טראכט פון איך, זיך, מיך, - אזוי ווי יעדע קינד וועט געבוירן - און ער האט מיר איבערגעדרייט אויף פונקט פארקערט. דער רבי האט מיר געברענגט צו א מצב איך זאל נישט נאר מסכים זיין, נאר איך זאל באמת וועלן וואס דער אייבערשטער וויל!

"א מופת בין איך"

די מעשה וואס איך האב אייך דא געברענגט האט די בעל המעשה מיר פארציילט, אפאר זייטיגע דעטאלן זענען געווארן געטוישט, אבער די מוסר השכל וואס מיר זעען איז וואס דער רבי זאגט: "געבעט מיר אייער הארץ, און איך וועל אייך פירן אויף א נייע וועג". איך געב נאר מיין הארץ - איך לאז דעם רבינ'ס דיבורים אריינטראפן אין מיר. שפעטער זע איך שוין וואס דער רבי האט געמאכט מיט מיר - ער האט געמאכט מיט מיר א מופת!

אין די ארטיקל האבן מיר געשמועסט פון א צושטערטע אוונט פארברענג אינדערהיים. מיינט מען נישט דא צו זאגן מען זאל נישט צוגרייטן א סיום אדער געשמאקע צייטן מיט די משפחה, נאר פארקערט די ארבעט פון א קלוגע פרוי איז אריינצובלאזן א געשמאק און חיות אין די גאנצע שטוב, און ווען עס ווערט צושטערט האסטו די כוחות צוריקצוברענגען די לעבן אין שטוב, אזוי ווי דער הצלה מעמבער בלאזט אריין לופט אין דעם מענטש צוריקצוברענגען די PULSE.

הייליגער באשעפער העלף מיר איך זאל אלץ געדענקען וואס מיין תפקיד איז, העלף מיר איך זאל מיך נישט אויפרעגן אפילו עס גייט נישט פונקט וויאזוי איך וויל, איך זאל שטענדיג געדענקען אז דו מאכסט אלעס, און אלעס קומט פון דיר".

אידישע שמחות

ח. ה. מינצבערג

איך וויל עפעס פארשטיין,
וואס טוט דאס זיין.
א ברסלב'ע שמחה וואס באדייט,
פון וואספארא דעטאלן עס באשטייט.

גייען מיר געשווינדער,
צו די ברסלב'ע קינדער,
א קינד, וואס ער זעט וועט ער זאגן,
חשבונות טוט ער נאכנישט פארמאגן.

אין בית המדרש מען גייט,
די פלאַץ פון שמחות אין יעדע צייט,
וועלכע שמחה איז היינט? טו איך פרעגן,
די ערשטע קינד וואס קומט מיר אנטקעגן.

"א חתונה" טוט ער ענטפערן.
"אפשר קענסטו עס ערקלערן?"
"אוודאי, ס'איז אזוי פרייליך,
דער חתן באקומט א כלה גליקליך".

אה! קוק דארט אויף א חתונה פארהאנען,
אין א געהעריגע זאל, לאמיר שפאנען,
"אינגעלע זאג וואס טוט דאס מיינען",
זעסט אלעס טוט גלאנצן און שיינען.

שענסטע מוזיק אלע סארט,
עס ווערט סערווירט עסן אויף א טארט,
פון די בעסטע מעדנים,
אויך א גראמער אלע טעמים.

אויף צומארגנס אין בית המדרש,
זיצט אויבן, און קיין רעש.
א בר מצוה בחור שיינט,
"שעפעלע וואס איז היינט?"

"עס איז זייער א חשובע זאך,
דער בחור באקומט תפילין א הייליגע זאך".
אין די זאל דערנעבן געב א קוק,
אויך א בר מצוה פיל מיט גליק.

"זאג נאר זיסקייט,
וואס די שמחה מיינט?"
"א תפילין קעיק ,קוק וועסטו נאר הערן,
א שיינע סעודה טוט סערווירט ווערן".

שבת א קידוש אין שול,
"זאג נאר טייערער וואס איז די ציל?"
"מ'געבט א נאמען פאר א מיידל א נייע,
מען ווינטשט מזל טוב א מחיי'".

אויפן וועג אהיים א אינגעלע,
איך טרעף פון דערנעבנדיגע שוהל'זעלע,
"א קידוש, וואס מיינט דאס?
קוגל, גאלע, הערינג, און מאטיאס".

"היינט איז א אפשערן געווען".
"און וואס האסטו געזען?"
ער האט באקומען ציצית שיינע,
אויך געטיילט א נאש א קליינע.

א חתן איז אויך געווען ביי מיין חדר,
דריי יאר געווארן איך פריי זיך זייער,
אבער איך בין אינגאנצן פארנומען,
א גרויסע פעקל נאש האב איך באקומען.

יעצט ווייס איך שוין אצינדער,
נאכן אויספרעגן עטליכע קינדער,
נאך עפעס פארדינען פון הייליגע שמחות,
אז מען לעבט נאר מיטן תכלית.

פון וואו קוועלט אזויפיל וואסער?

ח. ה. מינצבערג

פארסאפעטערהייט מיט א שווערע אטעם שלעפט זי זיך ארויף מיט זעקלעך אין די הענט ווען ביי יעדע פָּאר טרעפּ שטעלט זי זיך אפ, מיט א קרעכץ. אויף די צוקנייטשטע געזיכט קען מען דערקענען אז זייער אסאך איז שוין אריבער אויף די פרוי' גוטע צייטן און שווערערע זמנים.

"קינדערלעך זייט אזוי גוט קענט איר דא ארויס העלפן די מצב?"

בליץ שנעל זענען זיי צוגעלאפן איבער נעמען די פעקלעך פון די אלטיטשקע, איינס צוויי און ס'איז געווען אויבן. בשעת זי רוקט זיך שטאטלעך און די זיסע קינדערלעך לויפן אזוי שנעל, "ווי נעמט מען די יונגע כוחות", זיפצט זי אפ.

די קינדער האבן נישט פארגעסן אפצוווארטן באבי הארוויץ, צו באקומען די צוקערלעך וואס קומט זיך זיי ביושר...

ענדלעך איז זי שוין אנגעקומען אויבן און זיי געגעבן זייער פארדינטע,"לאזט גריסן אייער מאמע" האט זי נישט פארגעסן צו זאגן, און פארקלאפט די טיר.

"ווידער אמאל קענדיס, וואס האט איר היינט געהאלפן פאר די שכנה?"

ס'איז א גרויסע מצוה צו העלפן אן עלטערע אידענע. זי איז א עלנדע פרוי, אירע קינדער וואוינען זייער ווייט במילא איז זי געווארן די באליבטע באבע הארוויץ ביי אלע שכנים. די קינדער האבן זייער ליב צו העלפן, אלעמאל האט זי עפעס אינטערעסאנט צו דערציילן, צו איז דאס א השגחה פרטיות מעשה, צו איז דאס א באקאנטע מעשה פון א צדיק.

א פיינער גערוך האט זיך צושפרייט אין הויז, די געבעקסן איז נאר וואס ארויס פון אויוון. "קינדער ווער

"וויל ארויף גיין צו באבע הארוויץ?" די קינדער זענען זיך צוזאמען געלאפן, ווער וויל דען נישט טראגן? זיי ווייסן שוין פון די חזקה צו ארויפשיקן יעדן ערב שבת א שבת פעקל פון קעיק, קוגל, און צושניטענע פירות.

אט שטייען זיי ביים אלטן ברוינעם טיר, ווען זייער הערן שוין די שווערע טריט זיך דערנענטערן.

"אה! אזעלכע חשובע קינדערלעך" - נעמט זי זיי אויף מיט אזא ווארעמע אויפנאמע יעדן מאל פון דאס ניי מיט א פרישקייט - "קומט'ס אריין! זעצט אייך אראפ! איר ווילט הערן א מעשה?" די קינדער זענען אריין געלאפן "באבי! רופט זיך אן דער אכט יעריגער מענדי קען איך אפשר בארגן א ביכל צו ליינען?"

א מעכטיגע געדאנק, דו קענסט שוין ליינען, זייער גערן מענדעלע, קום אריין אינעווייניג. א אלטע ספרים שאנק פיל מיט פארשטויבטע ספרי קודש האט זיך באוויזן פאר אים, אין די זייט פאליצעס ביזן דאך פון ביכער צו ליינען פון סיפורי צדיקים און נאך, "וועל זיך אויס א שיינע ביכל". מענדעלע באטראכט די הויפנס ספרים, פון וואו זאל ער אנהייבן.

"איך זע דו ווייסט נישט וואס צו אויסוועלן, איך וועל דיר געבן עפעס א גוטן ביכל". מענדעלע האט זיך באדאנקט, און ארויס פון שטוב צוזאמען מיט די קליינע קינדער.

"וואס האלטסטו אין האנט?" פרעגט איך מיין גרויסער מענדל. "באבי הארוויץ האט מיר דאס מאל אנשטאט צו דערציילן א מעשה געגעבן א ביכל, אז איך זאל אליינס ליינען די מעשיות פון צדיקים". א בליק אויפן דעקל האט דערציילט אז דאס איז א ערליכע ביכל, מ'מעג עס ליינען, מ'דארף דאך זיין וואכזאם וואס מ'ליינט....

•

פרייטיג צו נאכט ווען די מענער זענען געגאנגען אין שול, נאכן אויסבעטן ביי די לעכט זוכנדיג עפעס צו ליינען, האב איך גענומען אין האנט דעם בלוי גרינע בוך וואס מיין בחור'ל האט אהיים געברענגט, שטייט דערויף מיט גרויסע ווערטער 'בעקבות רבותינו', מעשיות פון דער הייליגער בעל שם טוב. לעצטנס האט מענדל אנגעהויבן צו זוכן ליין מאטריאל און שכח אייבערשטער אז ער גלייכצט צו ליינען סיפורי צדיקים. אזוי מישענדיג די בלעטער איז מיר ארויף געקומען אלטע זכרונות פון אלס קינד ווען איך האב אויך געליינט סיפורי צדיקים דורכגעוועקט מיט יראת שמים.

"א קליין וואגן פארט איבער שטעט און וועגן ביז ער שטעלט זיך אפ אין א קליין דארף", טרעף איך זיך ליינען אינמיטן ווי אזוי דער בעל שם טוב איז געגאנגען וואוינען אין וואלד אויף די קארפאטים בערג ביים גרעניץ פון ראמעניע. "זיבן יאר האט ער געלעבט אפגעשיידט פון די וועלט און אט איז דער בעל שם טוב אנטפלעקט געווארן", שלינג איך מיט דארשט יעדן ווארט פון די מעשה פונעם בעל שם טוב:

ווען ער איז געווען א קינד פלעגט ער שטיין און קוקן אויפן וואסער טרעגער ווי ער שעפט וואסער פון קוואל, ער האט זיך שטענדיג געוואונדערט פון וואו האט דער קוואל אזויפיל וואסער? ער איז אויפגעוואקסן און געוואוסט אז דאס איז א ברכה וואס דער אייבערשטער גיט אריין אינעם קוואל, און א ברכה וואס דער באשעפער געבט האט נישט קיין גרעניץ. ער האט פון דעם קוואל געלערנט אז וויפיל מען שעפט, אלס מער און מער קומט ארויף וואסער פון טיפן אפגרונד.

אויך דער צדיק הדור איז א קוואל וואסער, דער צדיק האט די מעגליכקייט צו פארשפרייטן אמונה אויף די גאנצע וועלט, וואס מער די תלמידים שעפן תורה און יראת שמים, אלס מער קומט מער און מער קומט אריין פאר דעם צדיק ער זאל קענען משפיע זיין ווייטער.

דא האב איך זיך אפגעשטעלט ביי די אפענע בלעטער און ס'האט מיר געמאכט טראכטן, מעגליך אז דאס האט דער הייליגער רבי געמיינט, מיט דעם וואס ער האט געזאגט אז ווי מער מענטשן זאל קומען ראש השנה, וויל אזוי וועט גרעסער זיין די השפעות אויפן יאר?

זעענדיג ווי די קהילה צעוואקסט זיך ברוך ד', פאלט אריין פון מאל צו מאל אין געדאנק "אפשר וועט נישט זיין אזוי אנגענעם ווען עס וועט זיך פארגרעסערן". ווייסט דאך די ווארעמע קליינע ווינקעלע וואס מיר האבן פארמאגט, אך! די אמאליגע גוטע צייטן.

אבער דא זעט מען פארקערט אז וואס מער מענטשן עס וועלן מקורב ווערן אלס מער וועל איך פארדינען, מען וועט האבן מער גרעסערע און בעסערע השפעות פון דעם צדיק.

עס קומט יעצט קבלת התורה לאמיר זיך אויפרישן מיט הפצה, אדרבה לאמיר מיר אלע טון וואס מען קען צו דערנענטערן נאך אידן צום צדיק, זיי דערנענטערן צו די תורה. אויב דו קענסט נישט גיין אויף די הייזער איז דא גענוג אנדערע וועגן צו טון הפצה.

היינטיגע צייטן קען מען זאגן איז שוין גרינגער צו מאכן הפצה, אזוי ווי דער ראש ישיבה האט געזאגט ביים שיעור נאך ל"ג בעומר אין היכל הקודש ירושלים, ווען מענטשן זעען אז ס'איז א קליינע קהילה איז עס נישט אינטערעסאנט ביי אים, אבער אז מען זעט קע"ה ס'איז א גרויסער שיינער עולם דעמאלטס קען ער שוין יא אנעמען וואס מען זאגט....

אבער מען דארף אלץ געדענקען אז הפצה הייבט זיך קודם אן אינדערהיים, מאך קודם זיכער אז אלעס זאל זיין גרייט פאר דיין מאן און קינדער, און פארשטייט זיך נישט פארגעסן צו בעטן אויף דעם: הייליגער באשעפער געב מיר די זכי' דאס צו באוויזן, העלף אז איך זאל אויך האבן א חלק צו קענען פארשפרייטן דעם רבי'נס עצות פאר כלל ישראל.

קרית ברסלב בלעטל

פרייליכע נייעס: מיר שטעלן צו א נייע סערוויס
פאר די חשובע ליינערס דא ביי די קלאסיפיידס
ווינקל, ווי מען וועט קענען אדווערטייזן אין אין
קעסטל פריי פון אפצאל.
נאך איין וואך נעמט מען עס אראפ, און מען
דארף פריש אריינרופן פאר נאך א וואך.

מיר פארקויפן פיקטשער פרעימס
מוהרא"ש #101 סייזעס 16X20 12X16 10X12 8X12
מוהרא"ש #102 סייזעס 16X20 12X16 10X12
מוהרא"ש #103 סייזעס 16X20 12X16 10X12
מוהרא"ש מיט דער ראש ישיבה #104 סייזעס 16X24 12X16
ווי אויך נעמען מיר אן קאסטום ארדערס
דעליווערי צו די גאנצע וועלט פרייע דעליווערי אין שטעטל
רופט: 845-535-9200 אדער אויף www.ShopBreslev.com

ביזנעס קארדס אלע סייזעס פאר גוטע פרייזן,
ביטע רופט 845-535-9200

מילכיגע שעיק

ערצייגט דורך
מ. ה. מינצבערג

פראדוקטן:

- א האלבע ליטער (17.5 OZ) מילעך.
- 125 גרם (4.4 OZ) לעבען.
- 125 גרם (4.4 OZ) סמייטע.
- 125 גרם (4.4 OZ) קעז.
- 100 גרם (3.5 OZ) בלו בערי'ס (אדער סטראבערים).
- א האלבע גלאז צוקער.
- פארפרוירענע שטיקלעך אייז.

אנווייזונגען:

- לייג אלעס אריין אין א שיסל.
- צומאל עס גוט מיט א בלענדער.
- ביז עס ווערט גרייט.

מילכיגע ניס שטעקעלעך

ערצייגט דורך
מ.ה. מינצבערג

פראדוקטן:

- 200 גרם (7 OZ) מילכיגע ברוינע טשאקלאד.
- 50 גרם (1.7 OZ) פוטער.
- 250 גרם (8.8 OZ) מילעך דזשעם.
- 150 גרם (5.2 OZ) צומאלענע קיכעלעך.
- 210 גרם (3.8 OZ) צומאלענע ניס.
- ווייס טשאקלאד צום באפוצן.

אנווייזונגען:

- לייג אריין אין מילכיגע טאפ די טשאקלעד, דזשעם און פוטער, אויפלאזן אויף א קליין פלאם.
- מישן פון מאל צו מאל, אכטונג געבן ס'זאל זיך נישט פארברענען.
- ווען עס איז אויפגעלאזט לייג צו די צומאלענע קיכעלעך און ניס.
- מיש אוים אויף א רינענדיגע טייג.
- שפרייט אוים אויף א מיטל מאסיגע בעקעלע (בערך 10 X 15 אינטש 20X30 ס"מ) פארפרירן אויף א פאר שעה.
- צושניידן 1X2 אינטש (2X4 ס"מ) ארויף שפריצן פון אויבן ווייסע מילכיגע טשאקלאד

בילדער
אפטיילונג

הדלקה און סעודת הילולא ביי היכל הקודש
לינדן - א' בחוקותי - ל"ג בעומר תשפ"ד

התחלת כתיבת ספר תורה אין
היכל הקודש ירושלים

שחרית אין היכל הקודש ירושלים - ב' בחוקותי תשפ"ד

דער ראש ישיבה שליט"א לערנט פאר א דף שיעור אין ביהמ"ד היכל הקודש ירושלים



דער ראש ישיבה שליט"א אין א שמועס מיט דיין שליט"א

ישיבת היכל הקודש ירושלים

קרעדיט: משה ראזנבערג, איציק, שמעי וואקס,יוחנן.

סיום הש"ס פון הילד משה
אריה ב"ר ישראל יאזעף הי"ו

סיום משניות פון הילד דוד
ב"ר ישראל יאזעף הי"ו

אנשי שלומינו אין היכל הקודש ירושלים
ווארטן פארן שיעור פון ראש ישיבה שליט"א

דער ראש ישיבה שליט"א אין א שמועס מיט
אנשי שלומנו אין היכל הקודש ירושלים

דער ראש ישיבה שליט"א געבט א שיעור אין ביהמ"ד היכל הקודש ירושלים - ב' בחוקותי תשפ"ד

דער ראש ישיבה שליט"א רייסט קריעה קעגן
דעם מקום המקדש - ג' בחוקותי תשפ"ד

דער ראש ישיבה שליט"א צינדט אן די נר
תמיד אין ביהמ"ד היכל הקודש ירושלים

ניחום אבלים ביי מו"ה אהרן גאלדשטיין
הי"ו וואס זיצט שבעה נאך זיין טאטן

דער ראש ישיבה שליט"א באזוכט די
גרעסערע כיתה אין ירושלים

דער ראש ישיבה שליט"א באזוכט די
קלענערע כיתה אין ירושלים

דער ראש ישיבה שליט"א געבט א שיעור אין ביהמ"ד היכל הקודש בני ברק - ג' בחוקותי תשפ"ד

סיום הש"ס פון הבחור וואלווי בן מו"ה
יואל לעווי הי"ו אין בני ברק

סיום הש"ס פון הבחור אברהם שקלאר
ני"ו אין היכל הקודש בני ברק

מו"ה יואל לעווי הי"ו רעדט אפאר
דיבורים

דער ראש ישיבה שליט"א צינדט אן די נר
תמיד אין ביהמ"ד היכל הקודש בני ברק

ברית פון הילד יוסף אליהו נ"י בן מו"ה זושא פריעדמאן הי"ו גבאי בית
המדרש היכל הקודש מאנסי אין ישיבה - ד' בחוקותי תשפ"ד

שיקט אריין אייער שטימע וועלכע בילד פון די **שבועות פארמעסט** איר גלייכט דאס מערסטע!

מעשה'לעך פאר קינדערלעך

אויסְגֶערִיסְן דֶעם טָמֵא'נֶעם צֵלֶם

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט אִים אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן.

קִינְדֶער, אִיר וֵוייסְט דָאךְ אַלֶע, דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט זֵייעֶר אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער רֶבִּי אִיז גֶעגַאנְגֶען אַסַאךְ שְׁפַּאצִירְן אִין פֶעלְדֶער אוּן אִין וֶועלְדֶער. עֶר הָאט אַמָאל גֶעוִויזְן מִיט זַיין הַאנְט פַּאר זַיין גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד, דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי נָתָן: "זֶעסְט דִי אַלֶע בֶּערְג? זֶעסְט דִי אַלֶע פֶעלְדֶער? אִיבֶּעראָל בִּין אִיךְ גֶעוֶוען הִתְבּוֹדְדוּת".

דָארְט צְוִוישְׁן דִי פֶעלְדֶער וואוּ דֶער רֶבִּי אִיז גֶעגַאנְגֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער צֵלֶם פוּן עֲבוֹדָה זָרָה, דָאס הָאט זֵייעֶר גֶעשְׁטֶערְט דֶעם רֶבִּי'ן פוּן זַיין הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט גְרוֹיסֶע יְסוּרִים פוּן דֶעם. הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל גֶעשֶׁען אַ מוֹפֵת, דֶער צֵלֶם זָאל אוֹיסְגֶערִיסְן וֶוערְן, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, גְרוֹיסֶער בַּאשֶׁעפֶער, מַאךְ אַ נֵס; וַוייז מִיר אַז דוּ הֶערְסְט אוֹיס מַיינֶע גֶעבֶּעטְן, רַייס אוֹיס דֶעם טָמֵא'נֶעם צֵלֶם, עֶס שְׁטֶערְט מִיר; אִיךְ וִויל עֶס נִישְׁט זֶען, אִיךְ וִויל קֶענֶען רֶעדְן צוּ דִיר אוּן זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דִיר".

וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער, דֶער צֵלֶם אִיז פְּלוּצְלוּנְג אַרָאפְּגֶעפַאלְן בִּיז צוּם עֶרְד! דָאס הָאט זֵייעֶר גֶעשְׁטַארְקְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶר הָאט גֶעזֶען מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע אוֹיגְן אַז וָואס מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

קִינְדֶער, לָאמִיר נָאכְמַאכְן דֶעם רֶבִּי'ן, לָאמִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אוּנְזֶער מַאמֶע לָשׁוֹן אַזוֹי וִוי אַ קִינְד רֶעדְט צוּ זַיין טַאטֶע, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ גוּטֶע נָאנְטֶע פְרַיינְט; אַזוֹי דַארְפְן מִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מִיר ווִילְן, וָואס עֶס טוּט אוּנְז וֵויי אוּן בְּעִיקָר בֶּעטְן מִיר זָאלְן זַיין עֶרְלִיךְ, מִיר זָאלְן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, מִיר זָאלְן נִישְׁט פָאלְגְן דֶעם יֵצֶר הָרָע, מִיר זָאלְן פָאלְגְן נָאר דֶעם יֵצֶר טוֹב; בִּיז מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים.



דֶער טָמֵא׳נֶער צֵלֶם צֶעשְׁפְּלִיטֶערְט אוֹיף דֶער עֶרְד

דעם
רבינ'ס חדר

א שיחה אין א בילד

וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?



ענטפער פון פאריגע וואך:

דער הייליגער רבי האט זיך אויסגעדרוקט אויפן ספר המדות: "די ספר האט מיך געמאכט פאר א איד"

ברסלב'ע חידות

דער הייליגער רבי האט געשריגן אויף ר' נתן: דו ווייסט ווי גרויס די כח פון תורה איז? תורה איז העכער פון

א. עבודה

ב. גמילות חסדים

ג. אלעס

ד. עולם הבא

ענטפער פון פאריגע וואך:

מיט יעדע שיחה וואס איך שמועס מיט ענק קען מען זיין אן ערליכער איד, נישט סתם אן ערליכער איד, **נאר אזוי ווי איך מיין אן ערליכער איד.**

און די געווינער איז...

געווינער פון פאריגע וואך:

שלום יאקאבאוויטש נ"י - קרית ברסלב

א שטיקעלע ספר המדות

אֱמוּנָה - חלק ראשון

ו. עַל יְדֵי אֱמוּנָה, הָאָדָם חָבִיב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ כְּאִשָּׁה לְבַעְלָהּ.

ווֶען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אֱמוּנָה, אִיז עֶר בַּאלִיבְּט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי אַ פְּרוֹי אִיז בַּאלִיבְּט בֵּיי אִיר מַאן.

שרייב טישל

טרעף די וועג

טרעף די וועג צו **מקבל זיין די תורה פונדאסניי!**





טרעף די ווערטער

פ	מ	י	ט	ג	ז	א	ל	א	ב
ו	נ	ג	צ	כ	ר	ב	ס	ס	ט
נ	ח	ט	נ	א	כ	ע	צ	כ	נ
ד	ר	נ	ז	ל	כ	ס	ס	י	י
א	ק	ה	כ	ש	א	כ	מ	ע	נ
ס	צ	ו	ס	ז	מ	מ	ב	נ	ר
נ	ת	ד	ל	ס	נ	ח	ו	ד	ח
י	א	א	ו	ב	ה	א	ה	ס	צ
י	ז	ק	כ	נ	ר	י	א	ר	ה
ו	מ	א	ו	ע	ד	ש	ר	ד	פ
ג	ו	ת	ס	מ	ת	ה	כ	ו	ז
ו	ח	ע	ג	ק	ט	ו	י	ד	ו
ב	ר	ר	ר	כ	ל	כ	ר	ז	נ
ג	כ	ז	י	ט	ו	צ	ל	ה	ע
ל	ל	ט	י	ל	ק	ג	נ	ס	ג
ר	ב	ע	כ	י	כ	ש	י	ק	י
ט	ק	א	ש	ח	נ	ו	י	ד	י
מ	מ	ז	ת	ג	ר	ז	ז	נ	ט
פ	ת	מ	ס	ג	ע	כ	ה	פ	ג

עס קומט א גרויסע חתונה די וואך, די שמחה ווערט גרעסער און גרעסער, מען גייט זוכה זיין צו מקבל זיין די תורה פונדאסניי.

(עצתו אמונה נשא תשפ"ג)

געמאלן

א מעשה פון תפלה



מַיין בַּאבֶּע
וואוֹינְט אִין
מָאנְטְרֵיַאל

אֵייבֶּערְשְׁטֶער
הֶעלְף
מִיר זָאלְן
פָּארְן קֵיין
מָאנְטְרֵיַאל

שְׁכּ֔חַ
אֵייבֶּערְשְׁטֶער
מִיר זֶענֶען
אַהִין גֶעפָארְן

געמאלן דורך:
רבקה אפעלדארפער



אִיךְ וְויל פָּארְן
צוּ קִרְיַת
בְּרֶסְלֶב

אֵייבֶּערְשְׁטֶער
הֶעלְף אִיךְ זָאל
קֶענֶען פָּארְן



שְׁכּ֔חַ
אֵייבֶּערְשְׁטֶער
אִיךְ הָאבּ
גֶעקֶענְט פָּארְן
אוּן אָנְקוּמֶען

געמאלן דורך:
ש. ווייס - קרית יואל

קליין און פיין

שיקט אריין אייער אייגן געמאכטע קונצווערק צו:
845.379.1161
BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM

תלמוד תורה היכל הקודש קרית יואל

מאיר, אליעזר שלמה מזרחי


רבקה פריעדמאן

עטי בלום

לאה פיגא בלום


בייניש שארף

אליעזר שלמה שטראססער

משפחת שטראססער


אליעזר שלמה שניצלער

בלאטו פאראמסט

1

חיים יחזקאל וועבערמאן נ"י
קרית ברסלב

4

אברהם יושע ווערטיימער נ"י
קרית ברסלב

2

משפחת היימליך
קרית ברסלב

3

מענדל רוטה, הערש אלימלך, נחמן
טייטלבוים, אליעזר וועבערמאן

7

יחזקאל היילפרין און יוסי פרידריך
קרית ברסלב

5

קינדער פון מארקס ראוד אין שטעטל

6

רפאל פאפנהיים נ"י
ירושלים עיר הקודש

8

אליעזר שלמה און יחזקאל לעזער
קרית ברסלב

9

אליעזר שלמה סאלז נ"י
קרית ברסלב

10

יוסי לונגער נ"י
קרית ברסלב

11

גאלדי לאקס תחי'
קרית ברסלב

12

אליעזר שלמה יאקאבאוויטש נ"י
קרית ברסלב

13

משפחת בלום
קרית ברסלב

14



אליעזר שלמה שניטצלער נ"י
קרית ברסלב

15

משפחת שניטצלער
קרית יואל

16

נחמן נתן בלום נ"י
קרית יואל

17

בערל און גרשון יאקאבאוויטש
קרית ברסלב

18

מרדכי פאפנהיים נ"י
ירושלים עיר הקודש

19

פייגי און מאלי מענדלאוויטש
פייגי און פרומי ברילל

20



פייגי לאנדא תחי'
קרית ברסלב

21

פראדי, פייגי, חיי, אלי שטערן
סטעטן איילענד

22

תלמוד תורה היכל הקודש
קרית יואל

שיקט אריין וועלכע נומער בילד איר גלייכט די מערסטע, און די בילד וואס וועט האבן די מערסטע שטימען וועט אויסגעוועלט ווערן אלץ דער געווינער פונעם

״שבועות בלעטל פארמעסט״

23

שמואל פעקעטע נ״י
מאנסי

24

נחמן נתן שניטצלער נ״י
קרית ברסלב

25

אדי, לאה, חוה, פראדל קרויס
וויליאמסבורג

26

שמעון זינגער נ״י קרית ברסלב

27

אליעזר קאהן נ״י
קרית ברסלב

28



נחמן נתן, אליעזר שלמה שניטצלער

29

ריזל וועבערמאן תחי׳
תיקון ליל שבועות

30



בית פיגא
קרית יואל

31

משפחת פעקעטע - בלומען לכבוד
שבועות - מאנסי

32

דוד און פנחס גאטליב
קרית ברסלב

33

משפחתת אינדיג
קרית ברסלב

34

שרה אינדיג, אדי סאמעט
קרית ברסלב



געצייכנט מיט רשות פון 'שיר ברסלב'

B"H

Shop easily

shop.breslevcenter.com

IDEA. 845776664